UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 132 - Autumn 1998 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5d765581

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 132(1)

**Publication Date**
1998

**Copyright Information**
Copyright 1998 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

132

האַרבסט
תשנ"ט

AUTUMN
1998

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

## ייִדיש - אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך

### רעזאָלוציע פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאָדערט פאַר איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג.

דערביי האַלט די קאָנפערענץ פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז יעדן אַנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ, ווי אויך יעדן מיטגליד פון דער קינפטיקער אָרגאַניזאַציע, בלייבט די פרייהייט זיך צו באַציען צו דער העברעישער שפּראַך לויט זיינע פּערזענלעכע איבערצייגונגען.


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


*90 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ ........................... 3

*י.ל. פּרץ: פּייערלעכע עפענונג־רעדע ........................... 4

מ. שקליאַר: אַ וואָרט וועגן אברהם סוצקעווער ........................... 6

ח. קיעל: לידער ........................... 18

מ. זאב: אַ גאַנץ לעבן אין שליחות ........................... 20

ר. בוימוואָל: ליד ........................... 31

ז. טעלעסין: לידער ........................... 31

ש. גאָרשמאַן: מיניאַטור ........................... 33

צבי אייזנמאַן: Requiem ........................... 34

מ. אייזענבוד: דאָס העזעלע אויף דער וואַנט (דערציילונג) ........................... 36

ל. באָראָוויק: ליד ........................... 40

י. גאָלדקאָרן: אין די סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן ........................... 41

ש. סימכאָוויטש: ליד ........................... 46

פ. פּלאָטקין: לידער ........................... 47

מ. וואָלף: דער ערשטער 50־יאָריקער יובל פון מדינת ישראל ........................... 49

ט. קאָץ האַנדלער: לידער ........................... 57

ח. קיעל: דער דויערנדיקער קאָמפּלעקס פון די שארית הפליטה ........................... 59

א.ביידער: אַפאָריזמען ........................... 65

ע. פישבין: דער ניגון פון קינסטלער אָסיפּ צאַדקין ........................... 66

*אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................... 71

*נתן שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........................... 72

*ל.מ.: אונדזערע אבדות ........................... 73

*באַגריסונגען ........................... 77–79

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 132

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

53־ער יאָרגאַנג, נומער 132 • האַרבסט 1998 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## 90 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

מיט ניינציק יאָר צוריק, דעם 30־טן אויגוסט 1908, האָט אין דער שטאָט טשערנאָוויץ (אַמאָליקע בוקאָווינע) זיך געעפנט די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ, באַוווסט ווי די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זענען געקומען פילצאָליקע דעלעגאַטן און געסט פון אַ צאָל יידישע ישובים אין דער וועלט, האָט געדויערט אַן ערך אַ וואָך צייט, און האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה, דירעקט און אומדירעקט, אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און קולטור אין אייראָפּע און אַמעריקע, הגם קיין קאָנקרעטע אָר־ גאַניזאַציאָנעלע רעזולטאַטן האָט זי נישט געבראַכט.

צו דער חשיבות פון דער קאָנפערענץ האָט מיטגעווירקט דער אָנטייל פון אַזעלכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין דעמאָלטיקן יידישן קולטור ־לעבן, וועלכע האָבן מיט זייער שאַפן אַריינג־ עשריבן גאָלדענע בלעטער אין דער יידישער ליטע־ ראַטור און קולטור, ווי: ד״ר נתן בירנבוים, דער איניציאַטאָר פון דער קאָנפערענץ, י.ל. פּרץ, שלום אַש, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ה.ד. נאָמבערג און אַנד. צוליב פאַרשיידענע סיבות זענען נישט געקומען דער זיידע מענדעלע און שלום עליכם.

אַ גרויסן וויכוח האָט אַרויסגערופן דער סטאַטוס פון יידיש, און לסוף איז אָנגענומען געוואָרן די באַוווסטע קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וואָס פּראָקלאַמירט יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

זינט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ זענען אָפּגעלאָפן, ווי געזאָגט, ניינציק יאָר. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט יידיש, די יידישע ליטעראַטור און קולטור, אין אַלע אירע צווייגן און אָפּצווייגן, דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקע אַנטוויקלונג, באַזונדערס אינעם פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער חורבן בימי הילטער און די שפּעטערדיקע סטאַלין־רדיפות האָבן גורם געווען דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, און צוזאַמען מיט אים איז אומגעקומען דער ווייט גרעסטער טייל פון דעם יידיש־רעדנדיקן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, וואָס איז געווען דער שפּרודלדיקער קוואַל פון יידישן קולטור־שאַפן און קולטור־בויונג. ווו מיר ״האַלטן אין דער וועלט״ היינט צו טאָג איז באַוווסט. מיר ראַנגלען זיך כדי אויפהאַלטן די לעצטע פּאָזיציעס פון יידיש ביים שוועל פון איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין אָט דעם געראַנגל איז אַוודאי כדאַי ווענדן אונדזערע בליקן אַ ווײַלע אויף צוריק, צום אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און פון יענער היסטאָרישער אסיפה שעפּן דערמוטיקונג אין אונדזער ווייטערדיקן נישט לייכטן וועג.

ווייטער ברענגען מיר די עפענונג־רעדע פון י.ל. פּרץ אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ.

# דריי באַפרייונגס־מאָמענטן

## פייערלעכע עפענונג־רעדע

### פון י.ל. פרץ

געערטע קאָנפערענץ:

דריי אינערלעכע באַפרייונגס־מאָמענטן האָבן אונדשער באַוועגונג געשאַפן. איך וויל קיין פראָפעט נישט זיין און נישט זאָגן אין פאָרויס, אַז מיר לעבן דאָ איבער אַ נייעם היסטאָרישן מאָמענט, אַז מיר עפענען אַ נייעם קוואַל פון פריש לעבעדיק וואַסער אין גאָטס ווייגאָרטן, אַז פון היינט אָן וועט דאָס אָרט פייכט ווערן און בליען. "עטוואָס" דאָך זענען מיר געוואָרן, און דאָס עטוואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון די אָנגערופענע דריי באַפרייונגס־מאָמענטן.

עס הייבט זיך אָן צו באַפרייען דער יידישער "המון", דער אָרעמער יידישער "עם־הארץ". ער פאַרלירט זיין צוטרויען אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס "צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים נישט קיין גליק. דער "המון" הייבט אָן אַליין צו בענקען, צו פילן, וויל לעבן זיין אייגן אָרעם לעבן פאַר זיך, און עס וואַקסט אויף דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

יידיש הייבט זיך נישט אָן מיט אייזיק מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע - דאָס איז דער "בראשית" שבחי בעל־שם און אַנדערע וווּנדער־געשיכטן זיינען פאָלקס־דיכטונגען, דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר' נחמן פון בראַצלאַוו מיט זיינע זיבן בעטלער.

עס האָט אויך דערוואַכט און פאַרלאַנגט עפעס פאַר זיך די יידישע פרוי, דאָס יידישע ווייבל, דאָס יידישע מיידל. און עס באַווייזן זיך "ווייבערישע ביכלעך". פון עברי־טייטש ווערט אַ "מאַמע־לשון"...

און צוויי שפראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק. אַ שפראַך פאַר למדנים אין בית־המדרש: תורה־לשון, גמרא־לשון; און די צווייטע פאַרן "המון" און פאַר דער יידישער טאָכטער...

נאָר פון דעם וואָלט נאָך קיין "יידיש", קיין יידישע שפראַך נישט געוואָרן. דאַן באַווייזט זיך דער יידישער אַרבעטער; דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, און שאַפט זיך זיין אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זיין לעבן, זיין אַרבעטער־קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווייבערישער שול און נישט מיט וווּנדער־געשיכטן פון הינטערן אויוון אין קלויז, ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש. און עס באַווייזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפראַך...

דאָס אַלץ וואָלט אונדז דאָך נישט צוזאַמענגערופן; אויב מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאַטן צו פּראָקלאַמירן אונדשער יידיש אַלס גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פּערטן סאָציאַל־פּאָליטישן־מאָמענט.

דער שטאַט, וועלכן מען פלעגט אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער ווי פּאַרצייטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט, וואָס האָט, צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדע. קלאַסן און פעלקער, געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלייכן: איין אַרמיי, איין שפראַך, איין שול, איין פּאָליצייַ און איין פּאָליציילעך רעכט, - דער שטאַט פאַרלירט זיין גלאַנץ.

דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען איבער זיין מזבח, ווערט וואָס־דינער און צעשטרייטער. דאָס "פאָלק", נישט דער שטאַט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציאָן, נישט דאָס פאָטערלאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פעלקער־לעבן..

און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער דערוואַכן און קעמפן פאַר זייער שפראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אין די רייען געשטעלט!

דער שטאַט זאָל מער נישט פּעלשן די פּעלקער־קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט - אַט דאָס ווערט געווען און געבלאָזן אין דער מחנה און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור־אינטערעסן.

און מיר רופן צו דער וועלט: מיר זיינען אַ יידיש פאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף אונדזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע קולטור־גיטער באַשאַפן און שוין קיינמאָל נישט אָפּפערן זיי צוליב די פאַלשע אינטערעסן פון "שטאַט", וואָס איז גאָר דער באַשיצער פון רעגירנדיקע, הערשערישע פעלקער און דער בלוטזויגער פון אונטערדריקטע שוואַכע.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פעלקער־לאַקייען קאָנען קיין קולטור־גיטער נישט באַשאַפן, מיר טוען עס!

און דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַרזאַמלונג איז געווען בוקאָווינע, נעמלעך איר הויפט־שטאַט, טשערנאָוויץ, דאָ. ווו עס לעבן צוזאַמען פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשיידענע שפּראַכן, איז אונדז לייכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאַצירן פאַרנאַכט אין גאַס, און פון פאַרשיידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשיידענע שפּראַך־טענער, אַלערליי פעלקער־מוזיק; מיר ווילן אונדזער פענצטער האָבן; אונדזער זעלבסטשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער־סימפאָניע.

מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך־שטאַט זיין בראָקן. איין פאָלק יידן; זיין שפּראַך איז - יידיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווייטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן.

און נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך און זיך פאַר אַנדערע פּראָקלאַמירן זיינען מיר געקומען. מיר ווילן צוזאַמען אַרבעטן, און איר וועט האָבן אַלערליי פאָרשלאָגן צו פּרוטכבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאָנען פאָרויס. זאָל יידיש ווערן אַן אַלגעמיין־יידישע שפּראַך, אַזוי מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע קולטור־גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט; זאָל אונדזער יידיש ווערן צווישן אַלע וועלט־שפּראַכן אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך, מוז זי צוגענגלעך ווערן דער וועלט.

מיר ווילן אייך דעריבער פאָרשלאָגן: די איבערזעצונג פון אַלע ווירקלעכע קולטור־גיטער פון אונדזער גאָלדן־פרייער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבל, און די טראַנסקריפּציאָן פון אונדזערע בעסטע קולטור־גיטער אויף לאַטיינישע לעטערן. מיר ווילן מער קיין אומסימפּאַטיש־לינקישע פּאַרוועניע, קיין אויפגעקומענע עשירים ניט זיין! קולטור איז אויך טראַדיציאָן! און מיר ווילן דאָס וואָרט צווישן די פעלקער פירן נישט דורך מעכאַנישע איבערזעצונגען, וואָס טויטן דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מיר זיינען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבער דעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן. מיר דאַנקען דעם ד"ר בירנבוים דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן פאַראיין "יידישע קולטור", וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זיינע כוחות צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאַרצובאַרייטן. און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך און וואָס איז, ליידער, דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספרים! איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונג־טעלעגראַם.

משה שקליאַר

# אַ וואָרט וועגן אברהם סוצקעווער*

## צו זיין 85־טן געבוירנטאָג

דער נאָמען אברהם סוצקעווער איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער שטאָט ווילנע, וואָס איז באַקאַנט ווי ירושלים ד׳ליטא, און, פֿאַר־שטייט זיך, מיט דער ליטעראַרישער גרופּע "יונג ווילנע", צו וועלכער עס האָבן געהערט, אים צו לאַנגע יאָר, חיים גראַדע, לייזער וואָלף, אלחנן וואָגלער, שמערקע קאַטשערגינסקי, פּרץ מיראַנסקי, דער יונגער הירש גליק און אַ ריי אַנדערע ווייניקער באַוווּסטע שרייבער. און הגם די גרופּע "יונג ווילנע" האָט נישט פּראָקלאַמירט קיין אידעאָלאָגישע אָדער ליטעראַריש־עסטעטישע מאַניפֿעסטן, ווי לשל, די "יונגע" און "אינזיכיסטן" אין אַמעריקע, אָדער די "כאַליאַסטרע" אין פּוילן, האָט זי פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און אין איר אַנטוויקלונג.



א. סוצקעווער – צייכענונג פֿון ר. רובין, 1970

די יונגווילנער זענען שוין מלכתחילה געווען ביז גאָר פֿאַרשיידנאַרטיק אין זייער שאַפֿונג און טעמאַטיק. עס דאַכט זיך, אַז אַ מהלך טיילט אָפּ, למשל, שמערקע קאַטשערגינסקיס "טאַטעס־מאַמעס קינדערלעך בויען באַריקאַדן", פֿון חיים גראַדעס פֿילאָסאָפֿישער פּאָעמע "מסורניקעס", אָדער פֿון וואָגלערס בלאָנדזשענישן צווישן "בעריאָזקעסביים טראַקט", וואָס זענען פֿול מיט אימאַזשן און אומדערוואַרטע מעטאַפֿאָרן, און פֿון סוצקעווערס "וואַלדיקס", וואָס עטעמט מיט יוגנטלעכער פֿרישקייט און פֿאַרגלויבטקייט אין מאָרגן. און דאָך האָט זיי עפּעס פֿאַראייניקט – גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט און אויסערגעוויינטלעכע ליבשאַפֿט צום יידישן ווילנע און צום יידישן וואָרט. אָט די ליבשאַפֿט האָבן זיי, אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער, געטראָגן מיט זיך אַ גאַנץ לעבן, און דער לעצטער פֿון די גרויסע זינגער, אברהם סוצקעווער, טראָגט זי מיט זיך ביזן היינטיקן טאָג, אַריינשרייבנדיק אָן אויפֿהער אַלץ נייע און נייע גאָלדענע בלעטער־פּערזן אין דער יידישער ליטעראַטור.

איז אָט מערקן מיר איצט אָפּ דאָס פֿינף און אַכצקסטע געבוירנטאָג פֿון אברהם סוצקעווער, דעם יונגווילנער, וועלכער האָט אין זיין שאַפֿן דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען אין דער פּאָעטישער קונסט און געפֿונען אָנערקענונג ווייט אויסער די ראַמען פֿון דער יידישער ליטעראַטור אַדאַנק די איבערזעצונגען פֿון זיינע ווערק אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

...מיט פֿינף יאָר צוריק, צו זיין אַכצקסטן געבוירנטאָג, איז אין תּל־אביב דערשינען אַ ספּעציעלער נומער פֿונעם זשורנאַל "די גאָלדענע קייט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן

* פֿון אַ רעפֿעראַט געלייענט אין יידישן קולטור־קלוב אין ל.א.

דורך אברהם סוצקעווערן אין 1948־טן יאָר, נאָך זיין קומען קיין ישראל. אויף די העכער 170 זייטן זענען פאַרעפנטלעכט אַרבעטן, עסייען, לידער, אָפּשאַצונגען און זכרונות פון עטלעכע און צוואַנציק יידישע שרייבערס וועגן דעם בעל־יובל, און פון דעם אַלעם באַקומט זיך אַן אַרומנעמיק בילד פון סוצקעווערס שאַפונג־וועג, פון זיין כסדריקן שטייגן אויפן ליטעראַרישן לייטער ביז צום פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן אין דער יידישער פּאָעזיע פון אונדזער צייט. שווער צו דעם עפּעס צוצוגעבן. אָבער, ציטירן פון דאָרט אַ קליינעם פראַגמענט פונעם שרייבער אברהם קאַרפּינאָוויטשעס זכרונות וועגן זיין בן־עיר, וואָס האָבן אַ שייכות צו סוצקעווערס ביאָגראַפיע, וועלן מיר יאָ. אָט וואָס ער שרייבט, און דאָס דאַרף מען וויסן, היות ביאָגראַפיע איז אַ ביז גאָר וויכטיקער קאָמפּאָנענט אינעם שאַפן פון יעדן קינסטלער.

*"געבוירן איז סוצקעווער אין סמאָרגאָן, אַ שטעטל נישט ווייט פון ווילנע, נאָר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אָנגעשפּאַרט מיט טאַטע־מאַמע קיין סיביר. נאָך דער מלחמה געקומען קיין ווילנע וואָס איז געוואָרן זיין היימשטאָט. סוצקעווער האָט געוווינט אויף שניפּעשיק מיט דער מאַמען זיינער אין אַן אַלט הילצערן הויז. אַ פענצטער פון דער קליינער דירה האָט אַרויסגעקוקט אין אַ פאַרלאָזענעם סאָד צו דעם טייך ווילי. דורך אָט דעם פענצטער האָט דער פּאָעט געזען די גאַנצע וועלט אין בלענדיקער שיין פון שניי און אין פרילינגבלי פון די עפּלביימער.*

*"וועדליק זיין יחוס האָט ער גאָר געדאַרפט זיין אַ רב. זיין זיידע איז געווען דער באַרימטער מיכאַלישקער רב, וואָס האָט געשמט ביי יידן מיט זיין גאונות. סוצקעווערן האָט אָבער געצויגן צו די פעלדער אַרום ווילנע, צו די שיינקייטן פון דער נאַטור, וואָרעם אים איז באַשערט געווען צו זיין אַ דיכטער ביי יידן. און ווי אַ דיכטער האָט ער טאַקע מלכתחילה באַזונגען די שיינקייטן פון ווילנע. ער איז געגאַנגען איבער די ווילנער גאַסן, ווי בייראָן איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, ווי פּושקין איבער די גאַסן פון פּעטערבורג".*

אַזוי פיל סוצקעווערס בן־עיר. אוודאי וואָלטן מיר נאָך געקאָנט שפּינען דעם פאָדעם און דערמאָנען דעם ווייטערדיקן לעבנס־וועג פונעם דיכטער וואָס איז ווייט נישט געווען אויסגעלייגט מיט רויזן, נייערט מיט שטעכיקע דערנער, דעם וועג פון ווילנער געטאָ, פּאַרטיזאַנער־וואַלד פון וואַנען ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע און דאָרט זיך געטראָפן מיט די וויכטיקסטע יידיש־סאָוועטישע שרייבער, שפּעטערדיקע קרבנות פון סטאַלין־טעראָר; זיין עדות־זאָגן אויפן נירנבערגער פּראָצעס, און לסוף, זיינע יאָרן אין מדינת־ישראל, ווו ער האָט מיטגעמאַכט אַלע מלחמות קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער; ווו ער איז ווידער געווען אַן עדות פון פאַרגאָסענעם יידישן בלוט, אָבער אויך פונעם גיגאַנטישן אויפבוי־ווערק פון יידישע הענט.

פאָלגט מען נאָך דעם לעבנס־וועג פונעם דיכטער אברהם סוצקעווער, קאָן מען בולט זען שפּורן פון די אַלע געשעענישן אין זיין שאַפן, אָבער סובלימירט דורך זיין פּאָעטישער פּען, אַ מאָל זענען עס פערזן דערהויבענע צו פילאָסאָפישע פּאַראַלגעמיינערונגען, אַ מאָל אויפשוידערנדיקע מיט זייער דראַמאַטישן טראַגיזם, אָבער אַלע מאָל באַהויכטע מיט טיפן ליריזם און עסטעטישער שיינקייט, און דאָס אַלץ באַצירט מיט דער מייסטערשאַפט פון יידישן וואָרט וואָס איז שטענדיק ניי און פרילינגדיק־פריש ווי די "פידלרויז" אונטער די פינגער פון אַ מאַעסטראָ.

אין 1953 יאָר, ווען סוצקעווער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע צאָל ווערק, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור־וועלט,

אָבער ער האָט נאָך געהאַט פֿאַר זיך אַ ווייטן וועג פֿון נייע שאַפֿונגען און דערגרייכונגען, וואָס האָבן אויסגעפֿאָרמירט זיין אָרט אין דער וועלט־פּאָעזיע, האָט דער גרויסער דיכטער און פֿאַרגייער זיינער ה. ל ײ ו י ק, געשריבן צו אים אין אַ בריוו: "וועגן סוצקעווערן שרייבט מען אַ סך און מע וועט שרייבן. אָבער דאָס בעסטע איז צו ל ײ ע נ ע ן ז ײ נ ע ל י ד ע ר און פֿילן דעם באַזונדערן טעם, וואָס איז דאָ אין זיין וו אָ ר ט ־ מ ו ז י ק, צו באַוווּנדערן די שיינקייטן און די אינערלעכע טראַגיזמען, וואָס ער קריגט אַרויס פֿון אונדזער יידיש".

וועלן מיר טאַקע פּרוּוון לייענען אַ ביסל פֿון סוצקעווערן. לייענען און באַוווּנדערן. אָבער אויך פֿ אַ ר ש ט ײ ן. ווייל ביי דער גאַנצער שיינקייט און מוזיקאַלישקייט פֿון זיין פּערז, איז ער אָפֿט מאָל אויך קאָמפּליצירט, ווייל ער איז אַנטפּלעקעריש אין וואָרט און בילד; זיין ליד שאַפֿט אַ באַזונדערע אַטמאָספֿער נישט אַזוי מיט די אויסגעלייגטע שורות, ווי מיט דעם וואָס איז צווישן די שורות, נישט אַזוי מיט דעם געזאָגטן ווי מיט דעם נ י ש ט ד ע ר ז אָ ג ט ן, מיט דעם אָנדייט, מיט דעם רמז...

* * *

אין אַ ליד א.ג. "דער סקולפּטאָר" זאָגט סוצקעווער: "מוזיק, דו אָטעם פֿון סטאַטועןע - האָט געשריבן רילקע. / פֿאַר מיינעטוועגן וואָלט איך עס אַ דריי געטן צוריק: / ס ק ו ל פּ ט ו ר ן ז ע נ ע ן אָ ט ע ם פֿ ו ן מ ו ז י ק"... געלייענט האָב איך דאָס ליד נישט לאַנג צוריק, הגם עס איז אינעם בוך "צייטיקע פּנימער", דאַטירט 1968. און דערמאָנט האָט עס מיר אינעם אָנהייב־וועג פֿונעם דיכטער ווען די יידישע ליטעראַטור־קריטיק אין פּוילן האָט אים אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס, אָבער טייל האָבן געזען אין זיין דיכטונג אַ מין העלענישע, אַלט־גריכישע שיינקייט פֿון סקולפּטורן וואָס עטעמען מיט אַ מין קעלט, אין קעגנזאַץ צו דעם דעמאָלטיקן הויפּט־שטראָם אין דער יידישער פּאָעזיע, אויך אין דער יונגווילנער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר הייסן אָטעם, מיט פֿאַרשטיקטן געשריי און סאָציאַלן פּראָטעסט, מיט רעליגיעזער פֿאַרגלויבטקייט אין גאָט פֿון אברהם אָדער אין גאָט פֿון רעוואָלוציע...

דאָס האָט אויך געמוזט זיין די סיבה וואָס לכתחילה איז סוצקעווער געשטאַנען אין אַ זייט פֿון די יונגווילנער, ווייל ער איז פֿון אָנהייב אָן געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. ערשט שפּעטער איז ער, צוזאַמען מיט חיים גראַדען, געוואָרן דער סימבאָל פֿונעם וווּנדערלעכן שטראָם, וואָס יונגווילע האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווייזט אויס, אַז נישט אַלע האָבן דעמאָלט באַנומען די ווערטער פֿון סוצקעווערס אַ ליד געווידמעט דעם גרויסן פּוילישן דיכטער ציפּריאַן נאָרוויד, וועלכער איז געשטאָרבן אַן איינזאַמער אָרעמאַן אויף דער פּאַריזער עמיגראַציע: "פֿאַראַן אַזאַ צוזאַמענבונד פֿון קלאַנג און לויטער בילד / ווען ס'וווערט אַ קריצנדיקע פּען - אַ פֿייערדיקער פּענדזל". אָט אַזאַ איז דאָך אין גרונט געווען סוצקעווערס דיכטונג - אַ פֿ ײ ע ר ד י ק ע ר פּ ע נ ד ז ל, און נישט קיין קאַלטע סקולפּטור. און דער פֿייערדיקער פּענדזל זיינער איז געטונקט אין דער מוזיק פֿון יידישן וואָרט, וואָס צוזאַמען שאַפֿט עס אַ וווּנדערלעכע סימפֿאָניע פֿון קלאַנגען און פֿאַרבן.

אָט נעמט, למשל, דאָס ליד "עקסטאַז" פֿון זיין בוך "וואַלדיקס", וואָס איז דערשינען האַרט פֿאַר דער מלחמה:

"נעמט דער מאָלער זיין פּאַלעטער -
ציטערן די פֿאַרבן:
בלא פּארקוקט זיך אויפֿן הימל.

גרין צעקושט זיך מיטן יונגוואַלד,
פּיאָלעט באַשפּריצט די בערגלעך,
רויט פאַראייניקט זיך מיט בלוט,
און די אַנדערע, אויך זיי
שטראַלן אויס דין־דינע וואָרצלען
און פאַרפלעכטן זיך מיט זייער
ווייטער ערשטיקער נשמה".

דאָס ליד נייטיקט זיך אוודאי נישט אין קיין קאָמענטאַרן. מען דאַרף זיך נאָר גוט איינהערן אין די שורות און זיך אַריינלעבן אין דער אַטמאָספער פון די קאָלירן, וואָס שטראַלן אויס דין־דינע וואָרצלען, און דעמאָלט וועלן מיר דאַנקבאַר זיין דעם דיכטער־מאָלער, וואָס מאַכט ציטערן די פאַרבן און צוזאַמען דערמיט אויך אונדזערע הערצער.

אַזאַ איז געווען דער אָנהייב פון סוצקעווערס שאַפערישן וועג. ער אַליין איז געווען ווי אַ טייל פון דעם אַרומיקן פּייזאַזש, טאַקע ווי דער דערמאָנטער בן־עיר זיינער, אברהם קאַרפּינאָוויטש, שילדערט אים: "איך זע אים גיין איבער די גאַסן פון זיין היימשטאָט (ווילנע), אַ שלאַנקער, אַ דאַרער, מיט אַ געדיכטער טונקל־בלאָנדער טשופּרינע און א פּאָר העל־בלאָע אויגן. ער שפּאַנט צו די שישקינער בערג, כדי אַריינצונעמען אין זיינע אויגן ג אַ נ ץ ווילנע, אויסגעשפּרייט פאַר זיינע פיס מיט איר כישוף און חן".

איז דען אַ וואונדער וואָס פון אונטער זיין יוגנט־פּען רייסן זיך אַרויס אַזעלכע מונטערע שורות, ווי אינעם ליד "אַרום די פייערן", געשריבן אין יאָר 1935, בלויז פיר יאָר ערב דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף זיין היימשטאָט און אויף דעם יידישן פאָלק, און וואָס וועט אַריינבריינגען אַ קאַרדינאַלע ענדערונג אין סוצקעווערס שאַפן, וואָס וועט דעם באַזינגער פון "בלאָנדן באַגינען" פאַרוואַנדלען אינעם מקונן פון זיין אומגעבראַכטן פאָלק, אינעם מחבר פון "געהיימשטאָט", "די לערערין מירע", "די בלייענע פּלאַטן פון ראָמעס דרוקעריי" און הונדערטער אַנדערע לידער און פּאָעמעס געווידמעט דעם חורבן אונדזערן. נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג. דערווייל האָבן מיר צו טאָן מיט דעם יונגן סוצקעווער, וועלכער זינגט מונטער:

"מיר טאַנצן דעם טאַנץ פון גערעכטע,
די וועלט איז אין אונדזער רשות.
אַלע ווערטער אין שינאה פאַרשוועכטע
וואַכן אויף אונטער ריטעם פון פוס".

דאָ אַנטפּלעקט זיך שוין פאַר אונדז סוצקעווערס פאַרגלויבטקייט אין דער קראַפט פונעם וואָרט, וואָס הגם פאַרשוועכט פון שינאה, וואַכט עס אויף אונטער ריטעם פון טאַנצנדיקע פיס, ווייל קיין שום שינאה קאָן נישט פאַרניכטן דאָס וואָרט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש ווי אַ הייליקטום... און איז עס אונדז געגעבן געוואָרן, דאָס וואָרט, ד אָ ס יידישע וואָרט, מוז קומען דער דיכטער און אַרויסברענגען אַלע שיינקייטן זיינע, אַלע ניואַנסן, כדי מיר זאָלן דערפילן זיין טעם און ריח, זיין קאָלאָריט, זיין מוזיק, ווי עס טוט עס אברהם סוצקעווער, למשל, אינעם "ליד פון רעגנבויגן", וואָס איז אַריין אין זיין שוין דערמאָנטן בוך "וואַלדיקס", אָבער זאָגט שוין אָן דעם

שפּעטערדיקן גרויסמייסטער פון יידישן וואָרט. אָט זינגט פאַר אונדז אברהם סוצקעווער:

"אַלע פריידן אויסגעטרערנט
אינעם גרינעם וואַלד.
אַלע ליידן בלאָ צעשטערנט
אויפן שטראָם פון טייך.
אַלע ריידן רוי פאַרקערנט
אינעם שוואַרצן טאָל"...

דער דיכטער שאַפט דאָ נישט בלויז נעאָלאָגיזמען, נייע ווערטער: אויסגעטרערנט, - פונעם וואָרט טרערן; צעשטערנט - פונעם וואָרט שטערן, און פאַרקערנט - פונעם וואָרט קערן (אַלע ריידן רוי פאַרקערנט אינעם שוואַרצן טאָל). צעשאָטן, הייסט עס, די ווערטער-קערנער, כדי זיי זאָלן בליען אינעם שוואַרצן טאָל, באַלעבן אים ער זאָל ווידער גרינען. ער וויזט אונדז אויך דעם מענטש, וועלכער גייט אַרויס אַ געלייטערטער פון דער באַגעגעניש מיט דער רויער נאַטור. אָט ווי אינעם שוין דערמאָנטן ליד "בלאָנדער באַגינען" פון סוצקעווערס סיבירער מאָטיוון:

"עס הענגט איבערן טאָל דער מאָרגנשטערן
ווי אַ גילדן גלעקעלע און - וואַכט.
איבער ווייסע פינגערדיקע צווייגן
פון בעריאָזקעס גייענדיקע ברענט
אין ווינענדיקע פייערן די נאַכט".

ווילנדיק, נישט ווילנדיק קומען אויף אין זיכרון די באַוווסטע שורות פון אַן אַנדער ווילנער, דעם קרבן פון דער סטאַלין־האַק און לערער פון ווילנער פּאָעטן - משה קולבאַק: "עס איז אַ וועלט אַזאַ פאַראַן / און איך דער נאַר האָב נישט געוווּסט!" יאָ, אָט די וווּנדערלעכע, שיינע וועלט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין איר גאַנצער פּראַכט אין סוצקעווערס יונגע לידער, ער ווערט איר באַזינגער און מאָלער. אַזוי אַזש ביז צום חורבן. דעמאָלט קומט אַריין אַ שאַרפע ענדערונג אין סוצקעווערס געזאַנג, אינעם אופן פון זיין אויפנעמען מענטש און וועלט, וואָס האָבן אויך באַקומען אַן אַנדער פּנים.

פאַרשלאָסן אין די ענגע געטאָ־געסלעך, געפּייניקט פון הונגער און נויט, צוזעענדיק דעם אומקום פון זיין פאָלק, וואָס ווערט געפירט דורך די דייטשן קיין פּאָנאַר צו די טויט־גריבער, ווערן פאַרטרויערט די העל־בלויע אויגן פונעם דיכטער און פאַרטרויעט ווערט אויך זיין געזאַנג, וואָס וועט פון איצט אָן "בלייבן שטעקן ווי אָנגעגליטע נאָדלען אין דער נשמה", ווי סוצקעווער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, שרייבנדיק מיט יאָרן שפּעטער וועגן דער יידישער דיכטערין הדסה רובין - ווערטער וואָס זענען אַזוי פּאַסיק פאַר זיין אייגענער דיכטונג פון נאָכן חורבן.

דער דיכטער וועמען עס איז באַשערט געווען דורצומאַכן צוזאַמען מיט זיין פאָלק אַלע שבעה מדורי גיהנום און ווערן דער מאָנער און דערמאָנער, איז נישט "געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט", ווי ס'האָט געזונגען נאָך פאַרן חורבן דער פאָלקס־פּאָעט מרדכי געבירטיג אין זיין באַוווסטן ליד "ס'ברענט". ער איז געוואָרן אַ טייל פון דער פאַראייניקטער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ און צוזאַמען מיט זיין

יוגנט־חבר, דעם דיכטער שמערקע קאַטשערגינסקי, זיך באַמיט ראַטעווען די אוצרות פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין פאַר אונדזער צוקונפט. אָבער קודם כל האָט ער אַליין געשאַפן פאַר דער צוקונפט. אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען פון דער געטאָ־פינצטערניש קומען אויף זיינע לידער און פּאָעמעס, וואָס עטעמען מיט טיפן טראַגיזם, אָבער אויך מיט אַזוי פיל מענטשלעכקייט און העראָיזם.

סוצקעווער שרייבט וועגן יענער צייט אינעם באַגלייט־וואָרט צו זיין בוך "לידער פון ים המות" צוו. אַנד.: "ווען די זון גופא איז, דאַכט זיך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, האָב איך געגלייבט בנמנה שלימה: "כל זמן דאָס ליד פאַלאָזט מיך ניט, וועט מיך דאָס בליי ניט פאַרטיליקן. כל זמן איך וועל אין טויט־אַרומרינגלונג לעבן דיכטעריש וועלן אויסגעלייזט ווערן און אַ תיקון באַקומען מיינע יסורים".

און קיין יסורים האָבן נישט געפעלט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע יסורים, נייע ווייטיקן און פיינען. איינע שרעקלעכער פון די אַנדערע. אין יוני 1941 איז ווילנע פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן און אין גיכן איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס געטאָ, פאַרצוימט מיט שטעכלדראָטן. און אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר שרייבט סוצקעווער דאָס אויפטרייסלענדיקע ליד "צום חבר":

"אומגעבראַכטער חבר\
ביים שטעכעדיקן פלויט -\
דריקסט נאָך צו דיין האַרצן\
דאָס דאַרע שטיקל ברויט.\
מוחל זיי מיין הונגער\
און מוחל זיי מיין מוט -\
כ'האָב דיין ברויט געביסן,\
דיין ברויט אין פלעקן בלוט.

----------

אויב ווי דו כ'וועל פאַלן\
ביים שטעכעדיקן פלויט,\
זאָל אַ צווייטער שלינגען\
מיין וואָרט, ווי איך דיין ברויט".

איז באַשערט געווען סוצקעווערן איבערלעבן, ער איז נישט געפאַלן ביים פלויט, און היינט שלינגען מיר זיינע ווערטער, די ווערטער פון ווײ און מוט, און הגם זיי וועקן אַזוי פיל פיינלעכע רעמיניסצענסן, וועקן זיי אויך גלויבן אין דער צוקונפט פון מענטש און ייד. עס איז נאָר אַ ווייטיק, וואָס די "שלינגער" ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. סוצקעווערס ליד וועט זיך אָבער דורכרייסן און דערגיין צו די צוקונפטיקע דורות!

* * *

אויף דעם אָרט ווילט זיך אומקערן אַ ווײַלע צו די אורקוואַלן פון אַברהם סוצקעווערס שאַפן, וואָס פאַלן זיך צונויף, אפשר נישט צופעליק, מיט דעם וועג פון אונדזער גרויסן דיכטער פון עלטערן דור, דעם שוין פריער דערמאָנטן ה. לייוויק. אין אַ ליד א.נ. "יינגלווייז" שרייבט לייוויק:

"איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן, שווייגן -
האָב איך דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען.
און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטער עלטער,
עפּעס גרויסעס, ווונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען".

עפּעס גרויסעס, ווונדערלעכס וואָס דאַרף קומען פון ליידן, דער געלייטערטער מענטש, איז געווען דער לייט־מאָטיוו פונעם גאַנצן שאַפן לייוויקס, אָנהייבנדיק פון זיינע לידער פון סיבירער פאַרשיקונג, אַזש ביז ער איז אַליין אין ליידן פאַרזונקען געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעזונגען זיין "אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען"... סוצקעווער האָט נישט געזוכט די געלייטערטקייט פון ליידן, אָבער אין ליידן איז געלייטערט געוואָרן זיין וואָרט. פון דעסטוועגן געפינען מיר געוויסע ענלעכקייטן אין ביידנס שאַפן פון די אָנהייב־יאָרן, וואָס האָבן זיך געפורעמט אין סיביר - לייוויקס, ווי אַ פאַרשיקטער רעוואָלוציאָנער, און סוצקעווערס - ווי אַ פּליט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. און אין ביידנס שאַפן שפּילט אַ באַטייטנדיקע ראָלע די געשטאַלט פון טאַטן, וועמען סיי לייוויק און סיי סוצקעווער האָבן געווידמעט אַ צאָל לידער און פּאָעמעס. אגב, האָט לייוויק אין אַ בריוו צו סוצקעווערן דערמאָנט, אַז ער וויל אַרויסגעבן אַ באַזונדער בוך מיט זיינע פאָטער־מאָטיוון. לייוויקס טאַטע איז געווען אַ מלמד פאַר מיידלעך, אַ גרויסער אָרעמען וואָס האָט געדאַרפט שפּייזן ניין קינדער. דערצו איז ער געווען אַ כעסן, ווי ער שילדערט אים. אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד און שטענדיק אַ בייזער. שרייבט טאַקע לייויק אין אַ ליד א.ג. "דער בייזער טאַטע":

"קינדער טומלען / און דער בייזער טאַטע שלאָגט זיי, / קינדער
וויינען, / קינדער ווערן מיד און שלאָפן, / און דער בייזער
טאַטע שלאָפט ניט".

ווי אַנדערש זעט סוצקעווער די געשטאַלט פון זיין טאַטן! אין איינעם פון זיינע סיבירער לידער, וואָס שילדערן די אַטמאָספער פון אַ כוטער, אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל צווישן די סיבירער סטעפּעס, שרייבט דער דיכטער:

"מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס'פידעלע פון וואַנט. און דין־דינע
שנייענקלאַנגען פאַלן אויף מיין קאָפּ".

און אין אַ צווייט ליד:

"איבער מיר דער טאַטע שטייט געבויגן -
הויכער טאַטע מיינער פון סיביר.
כ'פיל דעם אָנריר פון זיין עלנבויגן,
כ'זע דעם שאָטן אָפּשיין אויף דער טיר".

עס זעט אויס, אַז אָט דעם אָנריר פונעם עלנבויגן, דעם טאַטנס, פילט סוצקעווער אַלע זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, פונקט ווי ער הערט דעם אָפּקלאַנג פונעם פידעלע וואָס דער טאַטע נעמט אַראָפּ פון דער וואַנט און "שנייענקלאַנגען פאַלן אויף (זיין) קאָפּ". פון אָט די שנייענקלאַנגען וועט מסתמא שפּעטער, אין יאָרן אַרום, אויפבליען סוצקעווערס

"פידלרויז", וואָס ווערט באַטראַכט ווי איינע פון זיינע העכסטע פּאָעטישע דערגרייכונגען.

אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנדער צייט, וועט סוצקעווער שרייבן: "מיין טאַטן האָט צו דרייסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ ביים שפּילן ר' לוי יצחקס ניגון אויף אַ פידעלע פאַר נאַכט. דער גוף איז געפאַלן אויף די הענט פונעם זיבן יאָריקן יינגל און... אין יענער רגע איז אין מיר געבוירן געוואָרן דער פּאָעט. איך האָב דערפילט: עס דרעמלט ערגעץ אין מיין לייב אַ קערן וואָס טראָגט אין זיינע אינגעווייידן אַ באַשטימטע שליחות". דאַרף מען געדענקען, אַז אָט די "באַשטימטע שליחות" האָט ער דערפילט, סוצקעווער, ווען ער איז אַלט געווען בסך הכל זיבן יאָר, אָט דעמאָלט ווען ער איז געוואָרן אַ יותם. און ער האָט די שליחות בכבודיק אויסגעפילט אין אַלע זיינע ווערק, ער האָט זי דורכגעטראָגן דורך אַלע פייערן און פלאַמען.

און ער איז געווען און געבליבן פאַרגלייבט, אינעם כוח פון וואָרט און קלאַנג: "בלאָז אַריין/ אין זיך אַליין אַזאַ מין ווילדן כוח, / אַז קענען זאָלסטו אויפהייבן אַ פעלדז אויף דיינע ווערטער"... דאָס איז נישט ביי אים סתם אַ ווונטש. נישט בלויז אַ פעלדז האָט ער מיט זיינע ווערטער, מיט זיינע לידער און פּאָעמעס אויפגעהויבן, נאָר אַ וועלט אַ גאַנצע האָט ער אויפגעטרייסלט, די וועלט פון האַרץ און געפיל און אויך די וועלט פון געדאַנק און עמאָציע. מיט איין וואָרט - די וועלט פון פּאָעזיע.

* * *

זענען מיר אַ ביסל פאַרויסגעלאָפן דעם שפּעטערישן גאַנג פון אונדזער דיכטער, כדי דערקענען די אורקוואַלן פון זיין פּאָעזיע, און איצט קומט אויס זיך אומקערן צום סאַמע וויכטיקסטן פעריאָד אין זיין שאַפן, דעם פעריאָד פון חורבן, פון אומקום און ווידערשטאַנד פון אונדזער פאָלק בעת דער מלחמה קעגן נאַצי־פאַשיזם. און היות מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם טאַטע־מאָטיוו, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן סוצקעווערס ליד וועגן זיין מאַמען, וועלכע איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ. געשריבן האָט ער עס אין אָקטאָבער 1942־טן יאָר. און עס איז צו באַוווּנדערן: אַרום איז טויט און פאַרניכטונג, הונגער און דעספּעראַציעס, און דער דיכטער געפינט אין זיך גענוג כוח צו שילדערן שיער נישט אַן אידילישע סצענע פון אַן ערב־שבת, כדי שפּעטער, דורך אַ שאַרפן קאָנטראַסט, אַרויסברענגען דעם גאַנצן ווייטיק און פּיין פון פאַרלירן די סאַמע באַליבטסטע פּערזאָן:

"עס וואָרקעט אַ פרייטיק צו נאַכטס אויף א בוידעם,
קוקסט ביי דער שיין פון לבנה אין סידור.
עס דאַוונען די שפּיצן ביי דיר פון דער לאַטע
און צוקן ווי טיילן פון מענטשלעכע גלידער.

עס טריפט מיט לבנה פון דיינע שוואַרצאַפּלען,
די מאַמעשע טראָפּנס באַלויכטן מיין גלויבן.
דיין תפילה דערמאָנט מיר אין וואַרעמער חלה,
דו קאָרמעסט מיט האַרציקער תפילה די טויבן.

כ'געפין אָנשטאָט דיר אַ צעריסנס דיין העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פאַרשעמט.

עס ווערן די לעכער פון העמד מיינע טעג
און דער זוים פונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערייס איך פון לייב מיינע קליידער און קריך
אין דיין אָפּענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס'איז מער ניט קיין העמד, ס'איז דיין ליכטיקע הויט,
ס'איז דיין קאַלטער, דיין איבערגעבליבענער טויט".

שפּעטער וועט דער דיכטער אין אַן אַנדער ליד א.נ. "דענקמאָל" שרייבן:

"זינט דו ביסט פאַרגאַנגען איז מיין וואָרט אַ ליקוי־חמה.
האָסטו זיך שוין איינגעלעבט אין טויט, מיין גוטע מאַמע?
כ'ווייס ניט ווו דיין קבר. גאָר די ערדקויל איז דיין קבר.
אונטער מיינע פיס - די כוואַליעס פון דיין יעדן אבר.

זומערבליצן אַקערן אַדורך צו דיר אַ שטעגל,
צו די אויגנלעכער איז א רעגן עולה־רגל.
נאָר אַן איוב קלאָגט פון די נשמה־גרונטן סאַמע:
האָסטו זיך שוין איינגעלעבט אין טויט, מיין גוטע מאַמע?"

איך ווייס נישט צי אין דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע, אָדער גאָר וועלט־ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון די אַלט־גריכישע טראַגעדיעס ביז אונדזער צייט, וועלן מיר געפינען אַזעלכע אויפטרייסלענדיקע, דראַמאַטישע שורות, ווי די אויבן געבראַכטע, וואָס האָבן געקאָנט אויפקומען בלויז אין יענער קאַשמאַרער צייט פון געטאָ, ווען טויט איז געוואָרן דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט.

לייענסטו די דאָזיקע שורות און פיל אַנדערע וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אונטער סוצקעווערס פען, און נישט בלויז סוצקעווערס, שטעלט זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל די זעלבע פראַגע: ווי קאָנען לידער וועגן אומקום און טויט זיין אַזוי דורכנעמענדיק, אויפטרייסלענדיק ש י י ן , ר י ט מ י ש , ב י ל ד ל ע ך ? צי איז עס נישט קיין פאַרשוועכונג פון טויט אַליין? זענען טאַקע געווען דיכטער און ליטעראַטור־טעאָרעטיקער, נישט גראָד יידישע, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט, אַז נאָכן חורבן, נאָך דעם גיהנום וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט, נאָך אוישוויץ, טרעבלינקע, באַבי יאַר און פאָנאַר קאָן מען מער נישט, טאָר מען מער נישט שרייבן ווי פריער, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשען. טייל האָבן עס אַפילו פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק, באַגרענעצנדיק זיך צו שפּאַרזאַמע, האַלב פּראָזאַישע שורות, אויסגעהוילט פון ריטעם, קלאַנג און בילד; ווו בלויז דאָס וואָרט האָט געדאַרפט טראָגן די גאַנצע פּאָעטישע אָנלאָדונג. איז טאַקע שווער אָט די פּאָעזיע צו לייענען און פאַרדייען. אומדירעקט געפינען מיר דערויף אַן ענטפער אין סוצקעווערס אַ ליד, ווו ער שרייבט: "דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פאַר דער שיינקייט". און ער גיט דערויף אַ באַשטעטיקונג אין אַן אנדער ליד אין וועלכן ער שילדערט זיך אַליין, ליגנדיק אויסבאַהאַלטן אין קאַלך־וואַסער:

"איך ליג אין אים פאַרזונקען, /האַלב דערטרונקען, / און ס'ציען זיך פון מיר אַזוינע פלייציקע רובינען, / טריפן, רינען / שורותדיק, ווי לידער / און וואָרצלען איין אַ שמייכליק־ראָזן זונפאַרגאַנג אין קאַלך".

נײַן, דער דיכטער הערט נישט אויף צו זײַן דיכטער אין די סאַמע שווידערלעכסטע באַדינגונגען, ווען דער טויט קוקט הונדערט מאָל אין די אויגן, נישט אין געטאָ, נישט אין פּאַרטיזאַנער־וואַלד. פֿאַרקערט, די דיכטונג, דער באַוווסטזײַן, אַז מיט זײַן וואָרט באַשאַפֿט ער נײַע וועלטן, אַז מיט זײַן וואָרט קאָן ער בײַקומען דעם אומפֿאַרמײַדלעכן סוף און פֿאַרכנסן זיך מיט דער אייביקייט, העלפֿט אים אויסדויערן. דעמאָלט ווען עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרלוירן, אַז קיין אויסוועג איז מער נישטאָ, דערזעט דער פּאָעט, אָדער ער באַשאַפֿט אים גאָר, "דעם שמייכלי־ראָזן זון־פֿאַרגאַנג אין קאַלך"... און דעמאָלט קומט אוודאי אויף בײַ אים דער באַוווסטזײַן, אַז דאָס דיכטערישע וואָרט איז שטאַרקער, מעכטיקער פֿון צײַט, דאָס הייסט פֿון פֿאַרגאַנגלעכקייט, וואָס ער וועט שפּעטער ברענגען צום אויסדרוק אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן, ווי די אין איינעם פֿון די "לידער פֿון טאָגבוך", וווּ סוצקעווער שרײַבט"

> פֿאַרוואַנדלען וועל איך צײַט אין רוחניות, אָט איז מײַן אידעע!
> פֿאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן: איך, דער לאַנג פֿאַרלענדטער.
> פֿאַרוואַנדלען וועל איך גראָזן אין אַ קאָסמישער אַלעע.
> פֿאַרוואַנדלען וועל איך זיך אַליין אין מענטש וואָס איז מיר נענטער".

פֿ אַ ר וו אַ נ ד ל ע ן  וו ע ל  א י ך  ט ו י ט  א י ן  ל ע ב ן... אָט די פֿאַרוואַנדלונג האָט סוצקעווער דורכגעפֿירט אין זײַן אומשטערבלעכער פּאָעמע "געהיימשטאָט", אַ פּאָעמע וואָס איז געשריבן מיט בלוט פֿונעם האַרצן, מיט בלוט וואָס טריפֿט פֿון יעטוועדער שורה, און דאָך איז עס אַ ווערק וואָס פֿירט אייך נישט אַרײַן אין יאוש, נאָר וועקט האָפֿענונג, ווײַל עס אַנטפּלעקט די דינסטע שטריכן פֿון מענטשלעכקייט דאָרט, ווו עס דאַכט זיך, אַז דער מענטש קאָן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חיה... אָבער די חיה, די ווילדע בעסטיע איז אין דער "אויבערשטער" וועלט, דאָרט לויערט זי, די בעסטיע אין מונדירן פֿון דײַטשישע עס־עס־לײַט, אויף די רעשטלעך פֿון ייִדישן פֿאָלק וואָס איז פֿאַרמשפּט דורך דער "הערן־ראַסע" אויף אומקום.

...אין די אונטערערדישע וואַסער־קאַנאַלן פֿון ווילנער געטאָ באַשאַפֿט דער דיכטער זײַן אייגענע וועלט, די געהיימשטאָט, אין וועלכער עס איז פֿאַראַמלט אַ סימבאָלישער מנין ייִדן, אַ פֿ אָ ל ק  פֿ ו ן  צ ע ן, מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע כאַראַקטערן און סאָציאַלן אָפּשטאַם, ממש אַ קוועשנים פֿון ייִדישן ווילנע. אָט איז דער לערער גדליה, די פֿאַכטערקע אסתּר און איר זון פֿאָליע, דער פּליט פֿון האַמבורג אַראָנע און דער דאָקטער ליפּמאַן, דער פֿרומער ייִד רב נתן, דאָס יונגע מיידל דבורל, אַ בלינדער ייִד, די שוואַנגערע פֿרוי קריינע, און דער צענטער איז דער דיכטער אַליין. מען לעבט דאָ אין הונגער און געשטאַנק פֿון די קאַנאַל־אָפּפֿלוסן, אָבער מען פֿאַרגעסט נישט צו פֿראַווען יום־כּפּור און פּסח, ווען דער הונגער דערגייט שוין ביז נישט קאָנען מער איבערטראָגן, שפּײַזט מען זיך מיט בלוט, וואָס רינט אַראָפּ אין קאַנאַל פֿון דער בוינע (שעכטהויז). אין די נעכט גנבעט מען זיך אַרויס אין דער אויסגעהוילטער שטאָט, כּדי געפֿינען שפּײַז. עס טרעפֿן זיך קאָנפֿליקטן, עס שטויסן זיך צונויף טעמפּעראַמענטן; מען שטאַרבט און אַ קינד ווערט געבוירן – אַן אָנזאָג אויף נײַ לעבן. ווייניקע האָבן איבערגעלעבט, אָט אַזוי ווי עס האָט געטראָפֿן מיט גאַנצן ייִדישן פֿאָלק אין מזרח־אייראָפּע בעתן חורבן, אָבער דער דיכטער פֿאַרענדיקט זײַן געהיימשטאָט־עפּאָפּעע מיט אַ סימבאָלישן פֿינאַל, אסתּרס זון, פֿאָליע, וועלכער איז אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון גיהנום, גייט נאָך דער באַפֿרייונג פֿון

ווילנע צו פּאָנאַר, ווו די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די מערהייט ווילנער יידן, און דאָרט הערט ער ווי עס רעדן צו אים די קדושים:

"גיי פּאַליע בשלוס און זיי דער שליח
פון אַלע געשמידטע אין ערדישע קייטן.
באַגעגענען ווע‏סטו דעם מלך משיח -
אַהער צו דעם אָפּגרונט אים זאָלסטו באַגלייטן.
פּיל אָן זיך אַ זעקעלע שטויב, זיי מקיים
די בענקשאַפט פון גאָר דעם פאַרשניטענעם זאָמען.
און טו עס צעשפּרייטן אין ירושלים,
כדי עס זאָל דאָרטן צעבליען זיך. אמן".

איז ער געגאַנגען, דער דיכטער, ווי די קדושים האָבן פּאָליען באַפוילן, און געגרייכט קיין ירושלים, און מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס לעבעדיקע בילד פון זיין אומגעבראַכטער היימשטאָט - געהיימשטאָט, ירושלים ד'ליטא, און אין זיין גאַנצן ווייטערדיקן שאַפן שלענגלט זיך דורך, ווי אַ גאָלדענער פאָדעם - ווילנע, די עיר ועם בישראל...

"איך דאַרף דיך נישט דערמאָנען - שרייבט דער דיכטער וועגן זיין ווילנע - "דו אַליין ביסט מיין זיכרון. / בין אַ זונזייגער אין מדבר און מיין שאָטן איז דער ווייזער. / ס'גאַנצע לעבן וועט ער קרייזן אַרום זונזייגער דעם דאָרן, / און באַוויינען דיינע יאָרן און באַוויינען דיינע הייזער".

צום גליק האָט נישט דער חורבן און נישט זיין טעמאַטיק פאַרשלונגען דעם דיכטער, הגם ער קערט זיך אום צו איר אָן אויפהער אין זיין פּאָעטישער שאַפונג און אויך אין זיין וווּנדערלעכער פּאָעטישער פּראָזע. געשאַפן האָט ער אויף דעם פּרוכטיקן ישראלדיקן באָדן אָן אַ שיער נייע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכע ער האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון מייסטערשאַפט. ווידער קוקט ער אויף דער וועלט מיט דורכדרינגלעכע אויגן פון אַ מאָלער, וואָס זעט דאָס איינמאָליקע און שטענדיק זיך באַנייענדיקע, און מיטן אויער פון אַ מוזיקער-ווירטואָז, וועלכער הערט די דינסטע קלאַנגען פון שטענדיקער באַוועגונג, פון שטענדיקן ווערן. און דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט ער אין וואָרט, אין י י ד י ש ן  וו אָ ר ט, וואָס קומט אַרויס פון אונטער זיין פּען שטענדיק פריש און יונג, ניי און באַנייעריש. אָט למשל, ווי אין איינעם פון זיינע פערזן:

"אַ שוואָן געבוירט אַ שוואָן און ביידע שווימען,
וווּהין? צו דיר, דורך דיר, מיט ווייסן ווונדער,
וואָס ווונדערט בלויז פאַר דיינטוועגן באַזונדער.
פאַרנייג זיך פאַרן ווונדער און באַווונדער".

ווילט זיך טאַקע, צוזאַמען מיטן דיכטער, פאַרנייגן פאַר אָט דעם ווונדער, וואָס ער ברענגט אַרויס פון יידישן וואָרט. מיר האָבן דאָ פּאָעטישע שיינקייט פון גאָר אַן אַנדערן מין. עס איז נישט די שיינקייט וואָס רופט אַרויס ביי טייל דערווידערונג מחמת דעם ווידערשפּרוך צו דער קאַטאַקליסטישער טעמאַטיק, נייערט יענע שיינקייט וואָס קומט

פון אינטעגראַלן צוזאַמענבונד צווישן וואָרט, בילד און מוזיקאַלישן קלאַנג. אַ צוזאַמענבונד וואָס באַשאַפט זיך אַדאַנק די מייסטערישע אַליטעראַציעס. נאָך בולטער קומט עס צום אויסדרוק אין אַן אַנדער ליד וואָס איז ווידער אַ מאָל געווידמעט דעם דיכטערס מאַמע:

„ניט פאַרלאָשן האָט אַ שוואַרצערווינט / מיין מאַמעס בענטשליכט. /
ווי געצונדן צינדט אַצינד / מיין מאַמע אירע בענטשליכט".

אַפילו אַ טויב אויער קאָן הערן די מוזיק פון די צוויי שורות: „ווי געצונדן צינדט אַצינד / מיין מאַמע אירע בענטשליכט". אָבער נישט די שיינקייט פונעם פערז אַליין, כדי זיך אַ שפּיל טאָן מיט איר, איז אויסן דער פּאָעט. ער נוצט דאָ די בענטשליכט ווי אַ סימבאָל פון יידישער אייביקייט, פון אויסטראָגן פון דור צו דור די יידישע טראַדיציע, וואָס איז נישט פאַרגאַנגלעך. „וואָס איז צייט? אַ דינע שויב / אַנטקעגן מאַמעס בענטשליכט" - שרייבט ער אינעם זעלבן ליד. און אַ ביסל ווייטער: „ניט אין דרויסן בענטשט אַצינד / מיין מאַמע אירע בענטשליכט / נאָר אין מיר, איר גראָען קינד / בענטשט זי אירע בענטשליכט". די איבערחזרונג פון בענטשן און בענטשליכט פירט דאָ אויס אַ טאָפּלטע פונקציע. זי פאַרשטאַרקט די מוזיקאַלישקייט און בילדלעכקייט פונעם פערז, און טראָגט אונדז איבער אין דער יידישער מיליע פון אַלע צייטן.

* * *

דער באַוווּסטער יידיש-פראַנצויזישער פּאָעט שאַרל דאָבזשינסקי, וועלכער האָט איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש אייניקע ווערק סוצקעווערס, באַצייכנט אים ווי אַ פעניקס, דעם לעגענדאַרן פויגל וואָס ווערט פאַרברענט און שטייט ווידער אויף פונעם אַש צום לעבן. און סוצקעווער אַליין שרייבט וועגן זיך: „אַליין איך בין דער ברענענדיקער בוים. איך ברען און קאַרמע / דעם פייער מיט מיין אייגן לייב". אָט אַזוי ווי דאָס פאָלק אונדזערס וואָס שטייט אויף פון די אַשן, וואָס קאָרמעט דעם פייער און גייט אַרויס פאַרהאַרטעוועט פון די פלאַמען, וואָס גיט אַרויס פון זיך נייע צווייגן און בליונגען, ווי סוצקעווערס בוים.

דאָס פאָלק איז שטענדיק פאַרן דיכטערס אויג און ער איז פאַרגלויבט אין זיין אויסדויער אַפילו אין די שרעקלעכסטע, טראַגישסטע צייטן. אָט אַזוי ווי ער שרייבט אין זיין „טרייסטליד" נאָך אין 1943 יאָר אין ווילנער געטאָ, אַ ליד וואָס רופט זיך איבער מיט דעם באַוווּסטן ליד פונעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור י.ל. פּרץ „טרייסט מיין פאָלק":

„פאַרנעם אין דער גרויסער צעטומלונג, דו ווונדערלעך פאָלק מיינס,
אַ טרייסט-ליד,
ווען ס'קרעכצט דיין געבויגענער נאַקן
און וואָרט שוין ניט מער אויף גענאָד.
ביסט צווישן די פעלקער אַ מאָנונג, אַלץ איינס צי דו ווייסט
צי דו ווייסט ניט,
עס וועלן דיך העק ניט צעהאַקן,
עס וועט ניט צעדרייען קיין ראָד".

חנן קיעל — ניו יאָרק

# אין מוזיי

דעם קינסטלער חיים גאָלדבערג
צו זיינע גבורות

קוזמיר־שטעטל אין מוזיי,
בלויע כאַטעס, נאַכט־ירידן;
חורבה־שלאָס, אַ ווינט־געוויי,
נשמות ווימלען, בלודנע יידן.

דער קוימען־קערער אויפן דאַך
איז די לבנה היינט מחדש,
קוזמיר שטעטל - אַ גוטע נאַכט,
אָפגעזאָגט דעם לעצטן קדיש.

אַ חתונה אין מיטן מאַרק,
חופה־שטאַנגען רויטע ברענען,
מחותנים, קלעזמער, קינדערוואַרג,
נאָר חתן־כלה, זיי ווו זענען?

מיט קאַנען ציט דער וואַסערטרעגער
פון די בידנע למד־וו,
יידן סודן זיך און פרעגן -
אַ וואָלקנדיקע סטאַדע שאָף

געבליבן איז אַ וויגל־ליד,
פון דאָרף - אַ יידל מיט דער ציג,
דער בעל עגלה מיטן שמיד,
די מאַמע וויגט אַ פוסטע וויג.

איינגעוועבט אין נאַכט זכרון
אַ לידעריי פון רויך און אַש,
גראָזן וויאַנען, ראָמאַנטישע יאָרן,
יתגדל ויתקדש.

יידיש זינגט נאָך היינט די ווייסל,
אונדזער טרויער וויגט זי איין;
דאָס לעצטע בלעטל פון אַ מעשה,
ס'וועט קיין ייד דאָ מער נישט זיין.

נאָר דאָס ליד איז נישט געענדיקט,
אין די לאַנגע נאַכט־ירידן
רוישט די ווייסל - אַ לעגענדע:
שיר המעלות לקוזמיר יידן.

# לאָרעלייען

מענטש און בוים צווי ריזן אין געשוויג,
דער סקולפטאָר באַטראַכט דעם חומר ביד היוצר
מיט געבלעטער און געצווייג.

בערג בראשיתדיקע, פרע־היסטאָרישע יצירה
אין וואָלקן געהילט זינגען שירה,
אַ פאַרצייטישער פּאָעט שיפט זיך אויפן טייך
מיט זיין גאָלדענער לירע.

דער מענטש קרייזט אַרום דעם בוים־גיגאַנט
און שאָפט אין וויזיע זיין באַשאַף
בלויז די וואַלד־בלעטער צעפלאַטערטע
שושקען זיך און סודען:

אין דער גרינער אָזיערע טאַנצן לאָרעלייען, וואַסער־מוידן.

## אויטאָ־פּאָרטרעט

דער קינסטלער מאָלט דעם וואַלדיקן קאַיאָר,
אין מאָרגן־רויט ס׳געזאַנג פון אַ סאָלאָווייען־כאָר,
אַ ראַפּסאָדיע אין פייער־פלאַם דירעגירט פון גאָט,
דאָס האַרץ־געקלאַפּ פון בוים, אַ פאַרטייעטער סוד.

דער קינסטלער מאָלט די נשמה פון בוים,
די וואָרצלען פון אייגענעם גורל געצאַמט;
זיינע הענט באַרירן דעם בלוי־הימלישן זוים
און בענקען צוריק צום ערדישן שטאַם.

אין גאָרטן האַרבסטיקן פון אַ מידן פּאָעט
דער קינסטלער מאָלט אַ בוים, זיין אויטאָ־פּאָרטרעט
ווי דער בוים אין פאַרגיין שווייגט זיין מאָלעריי
נאָר איך הער אין געשווייג אַ פאַרצווייפלט געשריי.

---

די לידער און דעם עסיי (וועלכן מיר ברענגען אויף די ווייטערדיקע זייטן) פונעם דיכטער ח נ ן  ק י ע ל  האָבן מיר באַקומען צוגעשיקט פאַר זיין טראַגישן טויט, וועגן זיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט, וואָס האָט געמאַכט אויף אונדז אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, האָבן מיר זיך דערוווּסט האַרט פאַרן שליסן דעם נומער.

אונדז האָט פאַרבונדן מיט חנן קיעלן ז״ל אַ לאַנגדויערנדיקע פריינדשאַפט נישט בלויז ווי פען־קאָלעגן, נאָר ווי נאָענטע חברים. זיין מיטאַרבעט אין ״חשבון״ האָבן מיר זייער הויך געשאַצט און ער וועט אונדז שטאַרק אויספעלן. צוזאַמען מיט דער יידישער שרייבער־משפחה טרויערן מיר אויף זיין טויט. זיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין, ל י ז אַ, די פאָריותמטע קינדער ר ו ת  און מ אַ ר ק, און די אייניקלעך דריקן מיר אויס טיפן מיטגעפיל.

**משה שקליאַר**

משה זאב

# אַ גאַנץ לעבן אין שליחות

## א. עטלעכע אַריינפיר־ווערטער

"כשושנה בין החוחים, כן רעיתי בין הבנות"
– "ווי אַ ליליע צווישן די דערנער,
אַזוי איז מיין חברטע צווישן די טעכטער" (שיר השירים, 2)



שוין זעקס יאָר, ווי דער גורל האָט מיך צונויפגעפירט מיט דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב מיט זיינע אינטערעסאַנטע חובבי־יידיש־מיטגלידער און, ס'פאַרשטייט זיך, מיט זייער באַליבטער אָנפירערן, דער פאָרזיצערן פונעם קלוב, ל י ל ק ע  מ י י ז נ ע ר. אינגיכן האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַלע מיטגלידער און פשוט פריינד רופן זי מיט ווירדע – "אונדזער לילקע". שוין אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט נאָכמערקן איר פריינדלעכע באַציונג צו יעדן איינעם אין קלוב, איר מיטגעפיל און גרייטקייט העלפן לכל דכפין; הערן אירע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען – אַ ריי רעפעראַטן און לעקציעס; אירע אימפּראָוויזירטע אַריינפיר – און שלוס־ווערטער צו די פאַרשיידענע לעקציעס פון די איינגעלאַדענע אין קלוב רעדנערס, אירע באַגריסונגען, געווידמעטע געסט און פריינד אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע פאַרשידענע פערזענלעכע און געזעשלאַפטלעכע פריידלעכע געשעענישן; אַ באַזונדערן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט אירע אַרטיקלען און עסייען, וועלכע דרוקן זיך אָפט אין די אָנגעזעענסטע יידישע זשורנאַלן אין אַמעריקע.

דאָס אַלץ האָט סטימולירט מיין ווילן זיך צו באַקענען נאָענטער מיט דער פערזענלעכקייט לילקע מייזנער און מיט איר שאַפן. דריי יאָר צוריק האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב שוין גענוג מאַטעריאַל צו פאַרעפנטלעכן מיינע איינדרוקן פון אירע פילקאָליריקע שאַפונגען. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט, אַז צו איר יובל, זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן מיין עסיי וועגן איר. ס'האָט זיך, אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט. צו דער צייט האָב איך ניט באַוויזן איבערלייענען אַפילו אַ דריטחלק פון אירע שריפטן און ניט געהאַט קיין שום ביבליאָגראַפישע און אויטאָביאָגראַפישע אָנגאַבן. מיין האָפענונג, אַז "אונדזער לילקע", גופא, וועט מיר העלפן אין דעם ענין, האָט זיך אויך נישט פאַרווירקלעכט. ווען איך האָב זי געבעטן געבן מיר אַן אינטערוויו, האָט זי מיט אַ באַשיידן שמייכעלע געענטפערט:

– טייערער פריינד. לאָזט מיך אָפּ! איך בין נישט קיין ליטעראַטאָר, און וועגן מיר איז נישטאָ וואָס צו שרייבן!

אַ פאַרשעמטער בין איך אַוועק פון איר. איך, אָבער, האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון מיין פאַרטראַכט און האָב ממשיך געווען מיינע זוכונגען, און לילקעס נאָענטע פריינד * האָבן מיר געהאָלפן. איצט ווייס איך שוין אויף געוויס, אַז לילקע איז ניט נאָר אַ שרייבערין – זי איז מער פון אַ שרייבערין – זי איז אַן איינגעבוירענע קינסטלערין, אַן איינגעבוירענע

* מיינע האַרציקע דאַנקען די פריינד יעקב לעווין, יוסף סאָסקי און נתן שטיינמאַן, וועלכע האָבן ניט געשאַנעוועט זייער צייט און האָבן דעראָבערט, און מיר אַרויסגעשיקט די נייטיקע ידיעות.

געזעלשאַפֿט-טוערין, איינע פֿון די קליינצאָליקע ניצול געוואָרענע פֿרויען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי היטלער-גיהנום און על פּי נס גדול מיט אַן אויסגעטאַטוירטן אויף דער האַנט קרבן-נומער - A-160907, איז זי אַרויס פֿון דעם דייטשן גיהנום, און פֿון דעמאָלט אָן ביז היינט, געפֿינט זי זיך אין אַ באַזונדערער שליחות: אויפֿהאַלטן די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטורווערטן, לערנען און דערציען די יונגע דורות, זיי זאָלן וויסן און ניט פֿאַרגעסן די שוידערן, וועלכע זענען אויסגעפֿאַלן אויף די זעקס מיליאָן יידן שנהרגו ונחנקו על קידוש העם והחיים.

אָט וואָס לילקע מייזנער, גופֿא, שרייבט וועגן דער דאָזיקער שליחות אירער: "מיר זענען די לעצטע עדות פֿון דעם גרויזאַמען געשיכטע-קאַפּיטל, וואָס הייסט "אומקום פֿון זעקס מיליאָן יידן". די וועלט, אויך טיילווייז די יידישע וועלט, ווערט מיד פֿון דערינערונגען, פֿון די באַשולדיקונגען, פֿון די דערמאָנענונגען. מיר דאַרפֿן אָן אויפֿהער פּאַכן דאָס פֿייער, אַז די פֿונקען זאָלן ווייטער גליען. אויב מיר וועלן ניט פֿאַרהיטן, אַז דאָס פֿייער זאָל פֿאַרלאָשן ווערן אָדער בלויז טליען, וועלן מיר זיין אַ פֿאַרלוירענער דור מיט אַ נישט באַצאָלטן חוב. מיר מוזן איבערלאָזן יורשים, מיר דאַרפֿן זיי צוגרייטן - נישט בלויז פֿאַר איין מאָל אַ יאָר - אַז זיי זאָלן ווייטער זיין די מאָנער. - טוען מיר גענוג?" (מחשבות אין אַ לאַנגער נאַכט. "אונדזער צייט" מאַי 1978, ז. 25)

ס'איז נאָר אַן איינרעדעניש, אַז די צייט היילט. זי היילט נישט און גאָרנישט איז אין שטאַנד צו פֿאַרגיטיקן דעם אומברענגג פֿון אַ פֿאָלק!

## ב.

"אָן אַ היים און אָן אַ דאַך
אָן אַן אָנלען, אָן אַ טרייסט און אָן אַ לשון,
נאָר גאָרע ערד ווערט פֿון דיינע טריט דערוואַכט
און דיינע דאָרשטן - געשטילט און ניט געלאָשן"
(פּרץ מאַרקיש. "צו אַ יידישע טענצערן" ה, 1)

לילקע מייזנער ציט איר געאָגראַפֿישן ייחוס פֿון דער פּוילישער שטאָט לאָדזש, וועלכע האָט, פֿון די אַלטסטע צייטן געשמט ווי אַן עיר ועם בישראל. ניט וויניקער פֿון אַ דריט-חלק פֿון דער באַפֿעלקערונג זענען געווען (אין 1939 - ערב דער 2טער וועלט-מלחמה - 233 טויזנט) יידן. מחמת איר צעצווייגטע טעקסטיל-אינדוסטריע, האָט לאָדזש זיך גערופֿן דער "פּוילישער מאַנטשעסטער". און דאָס רוב יידן האָב געאַרבעט אין די טאַקסטיל-פֿאַבריקן ווי וועבערס, סטאָליערס און אַנדערע האַנט-אַרבעטער.

אין דעם אינערלעכן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן האָבן אַ גרויסע ראָל געשפּילט די לינקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, די "אגודת ישראל", און באַזונדערס, דער "בונד". אין די 20-קער יאָרן און אויך שפּעטער ביז דעם אָנהויב פֿון דער 2-טער וועלט-מלחמה איז דער "בונד" אין אַזעלכע אינדוסטריעלע שטעט ווי לאָדזש געוואָרן אַ פֿירנדיקער כוח, וואָס האָט גענומען אויף זיך מלוכאשע אויפֿגאַבן. ער האָט געשאַפֿן די באַוועגונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, צוזאַמען מיט די לינקע פּועלי ציון - דעם יידיש וועלטלעכן שול-סיסטעם ציש"אָ, ער האָט געשאַפֿן מוסטערהאַפֿטע יוגנט-אָרגאַניאַציעס ("צוקונפֿט" און "סקיף"), די אַרבעטער-פֿרויען-אָרגאַניזאַציע "יאַפֿ", געפֿירט בילדונגס-קורסן, געזאָרגט פֿאַר דער דערציונג און פֿאַר דעם געזונט פֿון די קינדער פֿון דער יידישער אָרעמקייט, בראש מיט דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. ער האָט אויך געשאַפֿן אַ יידישע זעלבשוץ קעגן דעם פּוילישן אַנטיסעמיטישן ווילדעווען.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿער איז דעם 30-טן אָקטאָבער, 1921 געבוירן געוואָרן לילקע מייזנער - פֿון דער משפּחה נוטקעוויטש. דער טאַטע ברוך פּנחס נוטקעוויטש - אַ בוכהאַלטער אין שטאָטראַט, (אויך זיין ברודער סערגיי איז געווען אַ הייסער "בונדיסט") און די מאַמע העלען - אַן אינסטרוקטאָרין און אַ דערציערין אין די "אָרט"-שולן פֿאַר

אָרעמע יידישע קינדער - זענען געווען באַוווּסט אין דער שטאָט ווי אַקטיווע, ענטוזיאַסטישע אָנפירער (פּאַרטיי־סעקרעטאַרן) פון דעם אָרטיקן בונד. (ברוך האָט געהערט צום בונד פון 1902). טאַקע דערפאַר שפּאַסט לילקע, אַז זי איז געבוירן געוואָרן "אַ בונדיסטקע". מיט דריי יאָר שפּעטער איז ביי די נוטקעוויטשעס געבוירן געוואָרן נאָך איין בונדיסט - לילקעס ברודער, עלעק. די משפּחה איז געווען אַן אַטעיסטישע און האָט געגעבן די קינדער וועלטלעכע דערציִונג.

לילקע האָט זיך פון דער פריער קינדהייט אויסגעצייכנט מיט איר מעכטיקן זכרון, רייכער פאַנטאַזיע, געהאַרכזאַמקייט: מיט איר גרויסער ליבע צו דער פאַמיליע, צו אירע חברים און חברטאַרנס, און מיט איר אחריותדיקייט.

די שטוב איז תמיד געווען אָנגעפּילט מיט פרייד - אַ "צעזונגענע" שטענדיק פול מיט מענטשן און מיט פּאַרטיי־חברים. די מאַמע פלעגט מיט איר האַרציקער שטימע רעציטירן איר באַליבטן רוסישן פּאָעט, פּושקינען, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער און אַריעס פון אָפּערעס, פון דער מאַמען האָט לילקע געירשנט איר ליידנשאַפטלעכע ליבע צו מוזיק, און האָט די ליבע אַדורכגעטראָגן דורך אַלע פּורעניותן, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף איר גורל. ביז היינט, ווען אויפן האַרצן איז ניט "פויגלדיק" כאַפּט זי זיך צו צו דער פּיאַנינאָ און שפּילט די שאַפונגען פון שאָפּענען און אַנדערע באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן.

פון די אַרומיקע האָט זיך אויסגעטיילט דער טאַטע ברוך פּיניע נוטקעוויטש מיט זיין ווייסן קאָפּ האָר, און מיט זיין גוטסקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיינע בלויע אויגן, ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, שטענדיק געווען גרייט העלפן יעדן, וואָס האָט זיך געגעניטיקט אין הילף. ליבע צום מענטש, ערלעכקייט און זאָרג האָט ער אָנגענומען ווי איינעם פון די הייליקסטע געבאָטן. און דאָס אַלץ האָט ער זיך באַמיט איינפלאַנצן אין זיינע קינדער. פון אים האָט לילקע געירשנט ליבע צום מענטש, צו קינד, צו ערלעכער מי און גערעכטיקייט; צו "ערד, פעלד און וואַלד... צו דעם שטראַל פון זון" (...) "צו דער גרינקייט פון גרינעם גראָז - דעם ריח פון אַלערליי בלומען, רויזן, צו דעם בלויען הימל, צו זיין ריינער בלויקייט און צו די טוי־טראָפּנס, וועלכע וויינען אין די פרימאָרגנס"; (...) ליבע צו "די דאָרפישע כאַטעס, צו "די נעסטן פון בושלען און ווייסינקע טויבן - און קאַזעס, וואָס עסן פון דאַך דעם שטרוי" (לילקע מייזנער. "יידישע קולטור". נומ. 1-2 1998, ז. 41).

צו 3 יאָר האָט לילקע אָנגעהויבן באַזוכן אַ "פּרעבל־שולע" (אַ קינדער גאָרטן). ווען זי איז געוואָרן 6 יאָר אַלט האָבן אירע עלטערן זי אָפּגעגעבן זיך לערנען אין דער פּריוואַטער בונדישער יידישע פאָלקסשולע אויף וולאַדימיר מעדעמס נאָמען, אין וועלכער זי האָט זיך געלערנט 6 יאָר. די דאָזיקע שולע האָט געהאַט אויף לילקען, ווי אויף אַלע אַנדערע שילער, אַ גרויסע ווירקונג. זי איז געווען פאַר זיי אַ צווייטע היים, די לערערס, וועלכע האָבן זיי געלערנט "זיך איילן טון גוטס", זיך זאָרגן פאַר די שוואַכע און זיין פאַראַנטוואָרטלעך יעדער איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר יעדן, זענען געווען פאַר די שילער ווי "צווייטע עלטערן". מיט גרויס ליבשאַפט, ביי יעדערע געלעגנהייט, דערמאָנט זיי לילקע ביז היינט.

אין 1933 איז לילקע אָנגעקומען אין דער פּריוואַטער לאָדזשער אַב גימנאַזיע, וועלכע זי האָט פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג אין 1938.

צו 14 יאָר איז לילקע געוואָרן די בעל־הביתטע פון דער שטוב. די מוטער איז געפערלעך קראַנק געוואָרן מיט האַלדזקאַנצער און אין 1937 איז זי אין שרעקלעכע ליידן געשטאָרבן. אויף לילקעס שמאָלע פּלייצעס זענען פאַרבליבן דער טאַטע און דאָס יינגערע ברודערל, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט און געהאָלפן אין לערנען און דערציִונג.

אין סעפּטעמבער 1939 האָט אַ ווילער און אַ מוראַדיקער בראָך זיך אַריינגעריסן אין דעם לעבן פון דעם פּוילישן יידנטום און אים חרוב ונחרב געמאַכט.

ווען די דייטשישע האָרדעס האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון לאָדזש און די יידישע איינוווינער האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט, האָט לילקעס טאַטע צונויפגענומען די קינדער און זיי דערקלערט, אַז ער און זיי מוזן פאַרבלייבן. און כאָטש ער איז געבליבן אָן אַרבעט און די גאַנצע משפחה האָט געליטן פון קעלט, הונגער און שרעק, האָט ער געהאָלפן און באַזאָרגט זיינע באַדראָטע חברים מיט מיטלען צו פאַרלאָזן די שטאָט. אָנהויב אָקטאָבער איז צו דעם הויז פון די נוטקעוויטשעס אָנגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ און די לאַפּעס פון די דייטשע סאָלדאַטן האָבן אַהין אַריינגעשטופּט די יידישע איינוווינער. "די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן מיט ווילדע געשרייען - דאָס בילן פון די הינט האָט זיך דערנענטערט און צעטראָגן זיך אין דער שוואַרצער נאַכט". (...) "די נאַכט פון אונדזער לאַנגן, לאַנגן מאַרש - דעם מאַרש צום אומקום". (דאָרטן, ז. 43)

אָנגעטוענע אין טראַנטעס, פאַרשמאַכטע, נאָך לאַנגע טעג פון שלעפּן זיך, האָבן זיך די פאַרזיגלטע פי־וואַגאָנען געעפנט. "דורך די אָפענע טירן ווערן טויטע קערפּערס אַרויסגעוואָרפן, און די באַן טראָגט זיך ווייטער... און די וואָס אָטעמען נאָך, פאַרשפאַרטע, פאַרמוטשעטע "ווייסן נישט, פילן נישט - מיר זענען אין צווישנצייט פון לעבן און טויט". ( דאָרטן, ז. 44)

אין פּיעטריקאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז ברוך נוטקעוויטש קראַנק געוואָרן מיט טיפוס, און האַלוצינירנדיק, איז ער נפטר געוואָרן. לילקע איז פאַרבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. פון איר טאַטן האָט זי איבערגענומען די זאָרג פאַר אירע חברים, פריינד און, באַזונדערס, פאַר איר איין און איינציקן ברודער, וועלכער איז צוזאַמען מיט איר אַריין אין דעם דייטשישן גיהנום.

פון איין לאַגער זענען זיי צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער יידן - לעבעדיקע סקעלעטן - אַריבערגעטריבן געוואָרן אין אַנדערע. צום סוף זענען זיי אָנגעקומען קיין בליזשין. אין אָקטאָבער 1944, נאָך שווערער אַרבעט, נאָך אַ סעלעקציע זענען לילקע מיט איר ברודער עלעק אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, אין דער "פאַבריק פון טויט". דאָרטן, נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעשוירן ביי אַלע פרויען די האָר פונעם קאָפּ, און נאָך דעם, ווי זיי האָבן אין אַ ספּעציעלן וואַשצימער געגומען אַ דוש, איז מיט לילקען געשען אַ נס: הויל נאַקעטע זענען זיי אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צוויי רייען. און דער מאַסן־מעדער, מענגעלע, האָט מיט זיין פינגער יעדער איינער אָנגעוויזן וווהין צו גיין - אויף רעכטס אין גאַז־קאַמער, אויף לינקס - אויף ווייטערדיקע ליידן און פיינלעכע מעדיצינישע עקספּערימענטן. בעת דער סעלעקציע, ווען מענגעלעס פינגער איז געווען אָנגעצילט אויף לילקען, זי זאָל גיין אויף רעכטס, האָט איר "לאַגער־שוועסטער" רישאַ, זי פאַרשטעלט און אַרויסגעשטופּט פון דער ריי אויף לינקס.

דעם ברודער ראַטעווען האָט זיך ניט איינגעגעבן. די דייטשישע מחבלים האָבן אים אַריינגעשטופּט אין אַ פאַרבלאָקירטער שיף און דערנאָך זי אויפגעריסן. אין די וואַסערן פון דעם טייך עלבע האָט ער באַקומען זיין אייביקן רו.

פון אוישוויץ - פון דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון דער דייטשער געזונקענקייט, איז לילקע טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען - אין אַ לאַגער, וועלכן די דייטשע באַנדיטן האָבן געוואָלט פאַרניכטן מיט די הענט פון די איבערגעבליבענע קרבנות. דאָס האָט זיך אָבער זיי ניט איינגעגעבן. דעם 15 אַפּריל 1945 זענען זיי, און לילקע בתוכם, באַפרייט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַרמיי. זי איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט און קראַנק. נאָך דעם ווי זי איז געזונט געוואָרן און אַרויס פונעם שפּיטאָל, האָט זי באַלד אָנגעהויבן העלפן די קראַנקע, צונויפגעשטעלט צעטלעך פון קרובים,

וועלכע האָבן זיך אפשר געראַטעוועט פון טויט אין די אַנדערע לאַגערס, געשיקט אַהין ידיעות פון די לעבן געבליבענע פרויען און מענער אין בערגען־בעלזען. אַזוי האָבן אַ סך פון זיי געפונען איינער דעם אַנדערן. אַזוי האָט אויך לילקע געפונען איר מאַן שלמהן. פון דאָרטן האָבן זיי אומלעגאַל זיך "אַריבער געפּעקלט" קיין בריסעל (בעלגיע). די "בונדישע" חברים האָבן זיי אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט און אַוועקגעשיקט זיך היילן אין די פּרעכטיקע אָרדענען בערג. ניט ווייט פון זייער ווינונגג איז געווען אַ קאָלאָניע פאַר קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוידן זייערע טאַטעס און מאַמעס. די גרוילנדיקע בילדער פון פאַרלירן טאַטע־מאַמע, פון לויפן, באַהאַלטן זיך זענען געווען טיף איינגעקריצט אין זייער גאַנצן וועזן. לילקע האָט דערפילט אַ נויטווענדיקייט צו זיין מיט די דאָזיקע קינדער.

אין בריסעל האָבן די מייזנערס געפירט אַן אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן. אין 1950 האָט לילקע געפונען דעם טאַטנס ברודער סערגיי נוטקעוויטש אין אַמעריקע. באַלד נאָך דעם האָבן לילקע און שלמה מייזנער עמיגרירט קיין אַמעריקע. פאַר אַ קורצע צייט האָבן זיי געלעבט אין באָסטאָן, (מאַס.), דערנאָך אין דעטרויט, ווו אין 1953 איז געבוירן געוואָרן זייער בת־יחידה העלען. אין אַ יאָר אַרום, אין 1954 זענען די מייזנערס געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו זיי לעבן ביז היינטיקן טאָג.

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט לילקע מייזנער פאַרגעזעצט איר לערנען, גראַדוירט פון ל.א. אוניווערסיטעט אַלס לערערין, און אויך פון דעם יודאיק פאַקולטעט. במשך פון 24 יאָר איז זי געווען אַ לערערין אין 2 "נערסינג"־שולן. זי האָט אויך געבומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין שאַפן דעם חורבן מוזעום אין דעם בנין פון דער יידישער פעדעראַציע אין לאָס־אַנדזשעלעס.

לילקע מייזנער טרעט אַרויס מיט לעקציעס וועגן דעם חורבן אין אַ ריי אוניווערסיטעטן און לערן־אַנשטאַלטן, אין פאַרשידענע יידישע און ניט יידישע אינסטיטוציעס: יידישע שילן און טעמפּלען אין אַמעריקע, קאַנאַדע, אַפילו אין דער ווייטער אויסטראַליע. במשך פון לאַנגע יאָרן האָט לילקע מייזנער אויפגעזוכט אירע ניצול געוואָרענע אַלטע פריינד און בונד־חברים, פירט מיט זיי אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ, באַזוכט זיי אין די לענדער בכל מקומות שהם.

אין 1981 נעמט זי אַנטייל אין דעם שארית־הפליטה צוזאַמענפאָר אין ירושלים. זי באַזוכט דעם כותל מערבי און דעם שואה מוזעום. און, ווי אַלע אַנדערע, זוכט זי ניצול געוואָרענע. אירע איבערלעבונגען האָט זי באַשריבן אין איר עסיי "איך האָב דיך געזוכט" (חשבון נומ. 98, 1981 ז. 13).

דאָס איז איינס פון לילקעס קרויז־אַרטיקלען, אין וועלכן עס פולסירט איר אַלטער אומפאַרגעסענער חורבן־ווייטיק, שטאָלץ און ליבע צו די איבערגעבליבענע, וועלכע האָבן מיט זייער שווייס און בלוט באַנעצט די אוראַלטע ישראל ערד און אויפגעבויט זייער אייגן לאַנד. דאָס איז לילקעס קדיש און רעקוויעם נאָך די אומגעקומענע, איינצייטיק. און דעם אַרטיקל פאַרענדיקט זי מיט די פאָלגענדיקע שורות: "אַזאַ לאַנגער, לאַנגער וועג איז פון "חורבן צום אויפקום". איר זייט אַלע געווען - מיר זענען אַלע געווען, צוזאַמען - לעבעדיקע און טויטע - צוזאַמען".

לילקע מייזנער פאַרנעמט אַן אָנגעזען און בכבודיק אָרט אין לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווי פריער פאַרבלייבט זי אַ טרייע בונדיסטקע. באַטייליקט זיך אין אַלע בונדישע אונטערנעמונגען. במשך פון די לעצטע 10 יאָר איז לילקע די פאָרזיצערין פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב. אונטער לילקעס אָנפירערשאַפט קומען פאָר אין קלוב יעדן שבת צו נאַכט ביז גאָר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אָוונטן, וועלכע שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ. די דאָזיקע אָוונטן מונטערן און האַלטן אונטער דעם רוח הקודש פון אונדזער שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט.

לילקע מייזנער טרעט אַרויס אין קלוב מיט פֿאַרשידענע רעפֿעראַטן ("מענדל מאַן", "איציק מאַנגער", "קאַדיע מאָלדאַווסקי", "רחל קאָרן", "דער גבור אין קייטן, ה. לייוויק", "מרדכי געבירטיק", ז. סעגאַלאָוויטש", חוה ראָזענפֿאַרב און דער בוים פֿון לעבן" (א.אַ.אַ.) וועלכע טיילן זיך אויס מיט זייער טיפֿן אַנאַליז, מיט זייער געשמאַקן יידיש.

ביי די מייזנערס איז אַלעמאָל אַן אָפֿן הויז פֿאַר פֿריינד, באַקאַנטע און געסט פֿון פֿאַרשידענע שטעט און לענדער.

אין לאָס אַנדזשעלעס לעבן איר טאָכטער העלען און צוויי אייניקלעך, ברוך און אַהרון, וועלכע זענען פֿאַרליבט אין זייער באָבען און פֿאַהרהייליקן איר פֿאַרגאַנגענהייט, די טראַדיציעס פֿון דער משפחה נוטקעוויטש און דעם זכרון פֿון די, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פֿאַר דעם ווייטערדיקן קיום פֿון אונדזער פֿאָלק.

## ג.

"צינד אָן אַ ליכט און שפּייז דעם קנויט
מיט הייסע טרערן.
און זאָל דער טרערן - קוואַל ביי דיר
ניט טרוקן ווערן.
(משה נאַדיר. "צינד אָן אַ ליכט")

ווען לילקע מייזנער האָט אָנגעהויבן שרייבן, איז איצט שווער פּעסט צו שטעלן. אַלע שרייבער און דיכטער, וועלכע זענען "דאָרטן געוועזן" און ניצול געוואָרן, האָבן ניט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז עס האָט באַדאַרפֿט נעמען אַ סך צייט עס זאָל אָפּגעקילט ווערן דער ווייטיק, צוריקקומען די געדאַנקען און אויפֿלעבן די געפֿילן, איידער זיי זאָלן קאָנען זיך נעמען פֿאַר דער פּען און פּרווון אויסדריקן אין אַ פֿאַרשטענדלעכער פֿאָרעם דאָס, וואָס איז מיט זיי, מיט זייערע נאָענטע און אויך מיט זייערע פֿייניקער פֿאַרלאָפֿן אין יענע שרעקלעכע יאָרן. אַזוי איז אויך מסתמא פֿאָרגעקומען מיט לילקען. וויכטיק, אָבער, איז ניט ווען, וויכטיק איז וואָס? און ווי אַזוי? אויב צונויפֿקלייבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן דעם שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות, צונויפֿשטעלן אין איין ווערק, וועט זיך באַקומען ניט איין בוך, נאָר עטלעכע בענדער. און דאָס אַלץ, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן איז ניט פּשוט פּראָזע. דאָס זענען לירישע אַנטפּלעקונגען, פּילקאָלירקע בילדער אויסגעמאָלענע מיט הייס בלוט און באַלויכטענע מיט ניט פֿאַרלאָשענער ליבע צו די נאָענטע און פֿריינד, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט אין די קינדער יאָרן און אין דער געפֿערלעכער צייט פֿון פּיין און אומקום.... אָט ווי לילקע אַליין שרייבט וועגן דעם:

...איך פֿאַרמאָג בילדער, זענען זיי אָן ראַמען, צעוואָרפֿענע אין מיין זכרון, צעהאַנגענע אין צייט (...) און אָט אַזוי וועל איך זיי צעהענגען, אויף אומזעבאַרע ווענט" (...) און שעפּטשען צו זיי ווערטער, וואָס נאָר זיי וועלן הערן. איך וועל קוקן אויף זיי און אַריינקוקן, און אַדורכקוקן, ביז זיי וועלן קומען צוריק צום לעבן" ("אין אַלע מיינע חלומות". יידישע קולטור, נומ. 1–2, 1998, ז. 41).

לאָמיר איבערחזרן די לעצטע שורה - "ביז זיי וועלן קומען צום לעבן". דאָס הייסט, אַז ניט געקוקט אויף די פֿאַרגאַנגענע יאָרן "אין שכחה למעשיך" - לילקע האָט ניט נאָר גאָרנישט פֿאַרגעסן, נאָר אויך געבראַכט זיי אַלע צו תחית המתים און שטעלט זיי פֿאַר פֿאַרן לייענער ווי לעבעדיקע. און דאָס איז איינער פֿון די וויכטיקסטע שטריכן פֿון איר שאַפֿן.

לייענענדיק לילקעס עסייען און "קוקנדיק אויף די פּאָרטרעטן "אָן ראַמען" און אויך אויף, "שאָטנס, סילועטן, פֿאַרפֿראָרענע אין צייט" פֿון "יענער צייט", וואָס די קינסטלערין האָט "אויף אומזעבאַרע ווענט" צעהאַנגען, קומט דער לייענער צום אויספֿיר, אַז אין "די פֿאַלבן" פֿון לילקעס מוח עקזיסטירט אַ פּאַנאָפּטיקום פֿון פֿאַרשידענע בילדער, וועלכע

לאָזן זי ניט רוען עד היום. זיי באַווייזן זיך אין זכרון און דמיון ניט נאָר אין די שלאָפלאָזיקע נעכט, נאָר אויך ביי טאָג, אַפילו ווען זי רוט נעבן ים, אָדער אויף די בערג, ווו זי פאַרברענגט אירע וואַקאַציעס. ”ניִשט בלויז די נאַכט ברענגט בייזע חלומות - דערציילט לילקע - נאָר וויפל מאָל ברענגט עס דער טאָג - דער זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג”. (אונדזער צייט. 1977, נום. 5, ז. 35)

די ענגע ראַמען פון אַן עסיי דערלויבן ניט אַפילו איבעררעכענען אַלע בילדער, געשטאַלטן און סיטואַציעס פון לילקעס פאַנאָפטיקום. דערפאַר וועלן מיר זיך באַגרענעצן נאָר מיט אייניקע פון זיי.

אויף דער אומזעבאַרער מזרח וואַנט זענען צעהאָנגען די בילדער פון די סאַמע נאָענטסטע - פון דער מאַמע העלען, פונעם טאַטן ברוך, און פאַרשידענע בילדער פון איר באַליבטן ברודערל, עלעק. זיין געשטאַלט דערשיינט פאַר איר זייער אָפט, און ביי יעדער געלעגנהייט מאָלט זי זיין בילד.

”היינט האָב איך אַ שפּאַציר געמאַכט ביים ברעג פון ים, די כוואַליעס האָבן געיאָגט ווי ווייסע צעטראָגענע פערד” (...) ”די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, און די לעצטע גאָלדענע שטראַלן האָבן געגלעט די שוימיקע כוואַליעס. איך האָב טיף אַריינגעקוקט אין די וואַסערן - און פלוצעם ווי אַ מיראַזש, איז אויף דער אויבערפלאַך אַרויפגעקומען דיין פאָרטרעט - און רויק געשוווּמען אַלץ נענטער און נענטער” (...) ”דיינע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון די טיפענישן, און דיינע ליפּן האָבן געשמייכלט. דער ים איז אָנגעפילט געוואָרן מיט דיר, און יעדעס מאָל ווען די כוואַליעס האָבן אָפגעוואַשן דיין פנים, איז עס נאָך בולטער אַרויס” (...) ”דיין פנים האָט זיך געהוידלט מיט די כוואַליעס און ביסט אַזוי נאָענט - און אַזוי ווייט געווען...

ליגט דיין קערפּער אין די טיפענישן פון טייך עלבע, דאָרט אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד. דאָרט האָבן דיך די דייטשן אומגעבראַכט”. (...) שווימט אַרויס דיין פנים און באַווייזט זיך פאַר מיר ווי נאָר איך קום צו די ברעגעס פון וואַסערן און ימען, שווימסטו אַרויס - און דיינע בליקן נעמען מיך אַרום און דיינע ליפּן שעפּטשען, שעפּטשען...” (קולטור און לעבן, מאַי. 1990 ז. 16).

און ווייטער גייט אַוועק אַ גאַלעריע פון דעם גאַנג צום טויט און אויפטרייסלדיקע בילדער פון די געטאָס:

”די רעדער פון דער פראַכט־באַן קלאַפּן ריטמיש און שאַפן אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיע. (...) ”פאַרשמאַכטע, אָנגעטוענע אין טראַנטעס ליגן מיר שוין אַזוי טעג. טעג? אפשר וואָכן גאָר, און אפשר מער? - ווער ווייסט? ווער ציילט טעג? דורך די שפּאַרונעס פונעם וואַגאָן שפּאַרט זיך אַדורך דער טאָג, ליכטיקע פאַסן וואַרפן שאָטנס אויף מאָדנע געשטאַלטן, וועלכע ליגן. זיצן און שטייען אין אַ פאַרפרוירענעם צושטאַנד. פון צייט צו צייט רייסט זיך אַדורך אַ געשריי... טייל הענט זענען אויסגעשטרעקט אין דער פוסטקייט... ווילדע געשרייען פון דייטשע סאָלדאַטן צעשטערן די שטילקייט. דורך דער אָפענער טיר ווערן פאַרקריפּלטע טויטע קערפּערס אַרויסגעוואָרפן - דער טויט האָט זיי באַפרייט? (...) ”די באַן טראָגט זיך ווייטער” (יידישע קולטור. נום. 1-2 1998).

געווען איז עס אין איינעם פון די ארבעטס־לאַגערן. אין וועלכן די דייטשע מערדער האָבן אָרגאַניזירט אַן אָרקעסטער פון די געפאַנגענע פרויען, וועלכע האָבן מיט זייערע אויסגעדאַרטע סקעלעטן־פינגער געמוזט צערטלען די סטרונעס פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אין דעם דאָזיקן לאַגער איז געווען אַ פּרעכטיק שיין מיידל, אַ טאַלאַנטירטע טענצערין, צעצע. בעת איינעם פון די קאָנצערטן האָט מען זי געהייסן טאַנצן:

”זיצט אַ זאַל מיט אויסגעלאָשענע נשמות, גרויסע אויגן־לעכער קוקן פאַרשטאַרטע אויף דער באַלויכטענער בינע, און צעצע בעט שפּילן ראַוועלס ”באָלעראָ”, און אירע

ביינער הויבן אָן זיך ציען אין אַ ריטמישן גערעַנגל" (...) "אירע באַוועגנוגען ווערן איינגעפלאָכטן איינע אין אַנדערן און וויגן זיך אין געראַנגל צווישן לעבן און טויט" (...) "און מיר אַלע הויבן אָן מיטצומאַכן אירע באַוועגונגען און דער טאַנץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אומענדלעכן נשמות־טאַנץ, ביז די לעצטע טענער פון "באַלעראָ" ווערן פלוצלינג אָפּגעריסן און צעצע פאַלט מיט אירע הענט אויסגעשטרעקט".

אַ נישט־מענטשלעכע סצענע! נאָר דער טייוול אַליין האָט געקאָנט צוטראַכטן אַזעלכעס. "מיט אַמאָל האָט די טויטע שטילקייט איבערגעריסן דער ווילדער געשריי פון דעם מערדער "ראַוס"! און די שוואַרצע נאַכט האָט אונדז איינגעהילט אין איר שלייער פון טרויער" (קולטור און לעבן מאַי 1978).

אין אַן אַנדערן אַרבעטס־לאַגער, פון ביז גאָר שווערען אַרבעט אונטער דער ברענענדיקער זון, פון הונגער און קלעפּ האָט לילקעס גוף ניט אויסגעהאַלטן. זי איז געפאַלן און פאַרלוירן איר באַוווסטזיין. ווען זי האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט זי דערזען אַ ניט באַקאַנט מיידל (סאָניע איז געווען איר נאָמען), וואָס האָט מיט וואַסער געריייניקט איר פּנים און געשוואָלענע הענט און זי האָט געבעטן "האַלט אויס"! צום סוף האָט זי געשאָנקען איר בלוט. די טראַנספוזיע האָט געמאַכט דער ביאַליסטאָקער דאָקטער סאַפּשיץ, וועלכער האָט פריער זי ניט געקענט. זיי זענען געוואָרן גורל־שוועסטער אין אַ צייט ווען מענטשלעכע לעבנס האָבן קיין שום ווערט ניט געהאַט. איינמאָל ביינאַכט. ווען די פינצטערע קייט פון באַראַקן איז געוואָרן שוואַרצער פון שוואַרץ און די געיאָמערן פון פרויען האָבן דורכגעלעכערט די ווענט" (...) "האָט זיך דאָס מיידל צוגערוקט צו לילקען און מיט געוויין אָנגעהויבן דערציילן איר היסטאָריע. "און איך האָב געפילט דיינע הייסע טרערן. דיינע ווערטער זענען שטילער געוואָרן. (...) איך האָב געהאַלטן דיינע הענט און מסתּמא אַנטשלאָפן געוואָרן" (...) "מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אויף אַ זייט פון מיין קערפּער. איך האָב זיך ראַפּטום איבערגעוועקט" (...) "דיין קאָפּ, סאָניע, איז געווען פאַרוואָרפן, דיין פּנים אַש־גרין. -דיינע ביידע דלאָניעס זענען געווען איבערגעשניטן. האָסט יענע נאַכט געוואָלט פאַרענדיקן דיין לעבן -מיר האָבן דיך נישט געלאָזט" ("קולטור און לעבן" 1990, ז. 15).

און אָט איז אַ בילד פון אַ יונג מיידעלע. וואָס האָט זיך העלדיש קעגנגעשטעלט די מערדער. זי איז געווען דעם ד"ר בראַמס טעכטערל. מען פלעגט זי רופן "דער מלאך פון געטאָ". זי האָט געהערט צו אַן אונטערעדיש "פּינפּטל" פון סקיף אין געטאָ. "אירע אויגן פלעגן זיין אומרויק, אומגעדולדיק, איר גאַנג אַ שנעלער, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט יאָגן מיט דער צייט. ביז אין אַ גרויען פרימאָרגן, אין טאָג פון פּורים, האָט מען די פאַמיליע בראַמס אַרויסגענומען פון געטאָ, געפירט זיי אויף אַ פעלד און געהייסן זיך אויסטאָן. "דאָס יונגע אומרויקע מיידעלע - די וועלכע האָט ניט געוואָלט אַזוי יונג שטאַרבן - האָט אַ שפּיי געטאָן דעם דייטשן סאָלדאַט אין פּנים. דאָס מיידעלע האָט זיך ניט געוואָלט אויסטאָן, נאָר האָט אָנגעהויבן לויפן - ביז די קויל האָט אין איר גוף געטראָפן און אַ סוף געמאַכט פון איר פיזיש - זי איז גאַנץ און העלדיש אַוועק פון דער וועלט"... און דורך לילקעס דערציילונג איז איר גייסט פאַרבליבן אין לעבן.

און אָט איז אַ מיידל פון דער שטאָט ליאָן (פראַנקרייך), זי האָט געהערט צו דער רעזיסטאַנץ און איר איינציקער ברודער, אַ קאָלאַבאָראַציאָניסט, האָט זי פאַרראַטן. ער האָט זי אויסגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ. אַ צעהרגהטע און אַ קראַנקע-האָבן די מערדער זי אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ. זי האָט שוין לאַנג קיין טראָפּן וואַסער אין מויל נישט געהאַט, און זי האָט נאָר איינס געבעטן - "וואַסער, וואַסער". און מיר האָבן קיין וואַסער ניט געקענט געבן, ווייל שוין טעג, ווי מיר האָבן קיין וואַסער ניט געהאַט. זענען מיר, צוויי לאַגער־שוועסטער, אויף אַלע פיר צוגעקראָכן צו דעם הילצערנעם עמער, מיט

עפּעס אַ וואַסער־מאַסע, איינגעטונקט אונדזערע הענט און צוגעטראָגן צו דיין פּאַרטריקנט מויל. האָסט זיי אָפּגעלעקט און אַזוי שטיל געשעפּטשעט "מערסי מערסי" (אַ דאַנק) (...) "האָסט פון ערגעץ אַרויסגעצויגן אַ קליין שמוציק זעקעלע... מיט דיינע ציטערנדיקע הענט האָסטו האָסט עפּעס אויף מיין פינגער אָנגעטאָן און געשעפּטשעט - פון מיין מאַמען פאַר דיר. אַז דו וועסט דיין ברודער געפינען, קויף אים דאָס ערשטע שטיקל ברויט פון מיר!" (...)

"איך טראָג דיין רינג ווי אַ דערמאָנונג און מאָנונג" (חשבון. נומ. ? ז. 64). אין לילקע מייזנערס פאַנאָפּטיקום פאַרנעמען אַ היפּש אָרט געשטאַלטן פון קינדער. פון זייער פאַרניכטונג און פון מסירת נפש אויף צו ראַטעווען זיי פון טויט. "איך רוף אייך היינט אַרויס! - קינדער - קינדער אומגעקומענע, אומשולדיקע טייערע. כ'רוף אייך און דער עכאָ ברענגט דעם פוסטן אָפּקלאַנג" (...) "די וואַלפּורגישע נאַכט האָט איינגעשלונגען זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק. און אייך קינדער - אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן" (ממעמקים. קולטור און לעבן" פרילינג 1998).

יעדע מאַמע האָט געזוכט אַ לאָך, וווּ צו ראַטעווען איר קינד. צווישן זיי איז געווען אַ קליינטשיק מיידעלע און איר מאַמע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער שניידעריי האָט געמוזט פאַרטאָג אַרויס. און די אַקציע איז שוין געווען אין פולן גאַנג. "כ'האָב באַשלאָסן" - שרייבט לילקע - "אַראָפּצונעמען פון דער פּריטשע צוויי ברעטער און אַריינלייגן אַהין דאָס קינד, אָנגעזאָגט ניט צו באַוועגן זיך און נישט וויינען... איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף די ברעטער און געוואַרט, וועט געשען דער נס"?

און דער נס איז געשען. אין דער אַקציע זענען אומגעקומען אַלע קינדער. געבליבן לעבן איז נאָר דאָס מיידעלע, וואָס איז באַהאַלטן געוואָרן אויף דער פּריטשע אונטער די אַראָפּגענומענע ברעטער, ("די צוקונפט", נאָוועמבער־דעצעמבער, 1995, ז. 19).

אין איר אַרטיקל "פאַר ברוכלען מיין קליין יינגעלע" (פאַר איר איניקל, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פונעם זיידן, ברוך נוטקעוויטש. - מ.ז.) באַשרייבט לילקע אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ פּראַכט־וואַגאָן, אין וועלכן מען האָט געפירט צום אומקום הונדערטער באָרוועסע פרויען אין בלוי־ווייסע געשטרייפטע קליידער מיט צוגעבונדענע שמאַטעס צו די געפרוירענע פיס: "דער לאַגער גלייוויץ איז ליקווידירט געוואָרן - און די ערד אונטער אונדז האָט געציטערט". (...) "דער קלאַנג פון שווערע שלעסער האָט צעריסן די מאָדנע שטילקייט פון דער נאַכט". (...) "פון דעם מאָמענט האָט זיך אונדזער וואַגאָן פאַרוואַנדלט אין אַ דאַנטישן גיהנום" (...) "און מיט אַ מאָל, ווי עמעצער וואָלט אַ כישוף אָנגעטאָן - הויבן אָן אַלע זיך צו דרייען אין אַ מאָדנעם קאַראַהאָד. די קערפּערס שלענגלען זיך, די ראָד ווערט ענגער און ענגער" (...) "מיר הויבן זיך אָן צו שטיקן, מיר טרעטן אָן איינער אויף דעם אַנדערן - ביז - ביז אונדז פעלט אויס אָטעם". (...) "די נאַכט ברעכט זיך. דער שוואַרצער שלייער גייט זיך פונאַנדער - די פאַרכישופטע ראָד שטעלט זיך אָפּ אין איר משונהדיקן גאַנג. דער ווילדער טאַנץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף דעם שמוציקן דיל ליגן קערפּערס צעטראָטענע, דערשטיקטע פון דער קאָשמאַרער נאַכט, נאַכט פאַרשאָלטענע". (...) "מיין הברטע איז אַראָפּ פון זינען". (שוואַרצע נאַכט, פּיין און ווייסער שניי" קולטור און לעבן, פעברואַר 1983).

און אָט איז שוין דער לעצטער שטאַפּל. פרילינג 1945, די לעצטע טעג פאַר דער אויסלייזונג, אין בערגען־בעלזען. אונדזער לילקע צוזאַמען מיט אַ מתי מעט, באַוועגלעכע סקעלעטן שטייען און וואַרפן אויסגעטריקנטע, פאַרקרומטע גופים אין טיפע גרובנס. זי וויינט נישט, אַלע טרערן זענען שוין אויסגערונען. זי גייט אין אַ לאַנגער ריי פון לעבעדיקע מתים און זאַמלט אַלע אירע שוועסטערס און וואַרפט זיי אויף אַ הויכן באַרג ביז זי איז אַליין געפאַלן. זי ליגט מיט אירע לאַגער־שוועסטערס און זיי אַלע שעפּטשען ווערטער - אַזעלכע אומגלויבלעכע און דאַך: - "מאָרגן, אפשר

מאָרגן וועט זיין בעסער; אַז מיר וועלן איבערלעבן, וועלן מיר עסן - זיך אַזוי אָנעסן - און קיינמאָל ניט אויפהערן".

"די ערד האָט געציטערט, צו די אויערן דערגייען שאָסן פון קאַנאָנען. און מיט אַמאָל, מיט אַמאָל אַזאַ אומבאַשרייבלעכע שטילקייט (...) "איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַדערנער "ניאָבע", וועלכע איז (לויט דער גריכישער לעגענדע) פאַרשטיינערט געוואָרן נאָכן אומקום פון אירע קינדער".

(...) "מיר זענען געווען פראַמעטעוסעס. מיר זענען טויזנט מאָל געשטאָרבן און צוריקגעבראַכט געוואָרן צום לעבן. און אויב מען האָט די קייטן פון אונדז אַראָפּגענומען, האָט מען אונדז ניט באַפרייט פון נישט גדענקען, אַז זיי דאָרט זענען געבליבן, דער הויכער מענטשלעכער באַרג" (...) "ס'איז אַזוי גרויזאַם שטיל געווען. ווען די פרייהייט האָט אונדז באַגעגנט" ("אונדזער צייט", מאַי, 1981, נום 5, ז. 31).

מיט די דאָזיקע ווערטער פאַרענדיקט לילקע מאַלן דאָס לעצטע, לעצטער בילד פון איר פּאַנאָפּטיקום.

- געוואַלד! נאָר אַ קינדטלער, אַ באַשאַנקענער מיט אַ מעכטיקן זכרון, מיט אַ גוט האַרץ און מיט גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט, איז פעיק אויסמאָלן אַזעלכע געשטאַלטן און געשעענישן: יידישע גבורה און קדושה אין דעם גרויל פון אַ גיהנום, וואָס נאָר אוממענטשן האָבן געקאָנט אויסטראַכטן און רעאַליזירן.

*

לילקע מייזנער האָט במשך פון די לעצטער 25 יאָר פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל "חסד של אמת" עסייען - הספד־אַרטיקלען וועגן אירע יוגנט־חברים - בונדיסטן, וועלכע זי האָט נאָך דער מלחמה אויפגעזוכט און אונטערגעהאַלטן מיט זיי וואַרעמע און באמת ברידערלעכע באַציִנגען. זייער אַוועקגיין אין דער אייביקייט האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי איר טיפן טרויער און ווייטיק. אַ ריי פון זיי האָט זי באַגלייט ביז צום קבר און דאָרטן האָט זי זיך מיט זיי געזעגנט. און אַלע אירע רעדעס, אָדער אַרטיקלען זענען שטענדיק געווען רירנדיק, אויסגעפילט אין אַ קינסטלערישן אופן. צווישן אַנדערע טיילן זיך אויס מיט זייער אינהאַלט, מיט באַשרייבן די הויפּט־שטריכן פון די געשטאַלטן, מיט זייער לירישער פּראָזע, און מיט דעם עלעגישן טאָן די עסייען פון די אויסגמאָלטע העלדן: "עלעגיע פאַר זוסמאַן סעגאַלאָוויטש דעם פרינץ פון וואָלקן פּאַלאַץ" ("לעבנס־פראַגן". נום. 7-8. 1994. ז. 57); "משה בראָדערזאָן - דער מענטש און דיכטער" ("חשבון" 1997 נום. 30 ז. 7); "צום אָנדענק פון סרולעק ווייסער" ("אונדזער צייט", מערץ־אַפּריל, 1995, נום. 3-4, ז. 46); "איך גלויב" - פאַר יואלקע ליטעווקאָ - אָנשטאָט בלומען אויף זיין קבר" ("אונדזער צייט", מערץ־אַפּריל. 1992, נום. 3-4. ז 40). "מיין חבר מאָטל אַפּעלאָוויטש - אָנשטאָט בלומען אויף זיין קבר" ("אונדזער צייט". פעברואַר 1986, נום. 2 ז. 35); בעטי גומענער־נוטקעוויטש" ("אונדזער צייט". מערץ־אַפּריל, 1986, ז. 36); און אַ ריי אַנדערע.

אַחוץ עסייען זענען שטענדיק, אָפּגעמערקט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן לילקעס רעדעס ביי די לוויהס פון אירע פּאַרטיי־חברים, נאָענטע און פריינד: (פייגע פינקעלשטיין, 1973; שרה זילבערשטיין, 1973; פנחס ווישעגראַד, 1974; ישראל (מנחם) זילבערשטיין. 1978; אסתר לערך, 1983 און נאָך און נאָך)* באַזונדערס טיילט זיך אויס לילקע מייזנערס רעדע ביי דער לויה פון "חבר סערגיי נוטקעוויטש", און ניט נאָר ווייל ער איז געווען איר נאָענטסטער קרוב - איר טאַטנס ברודער, וועלכער האָט געלעבט צוזאַמען מיט איר משפחה לאַנגע יאָרן, ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, - נאָר ווייל ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ באַשיידענער און גוטער מענטש, אַן איבערגעגעבענער

---

* די אַלע הספד אַרויסטרעטונגען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן בשעתם אין "אונדזער צייט"

חבר און טוער פון "בונד", פון "אַרבעטער רינג", פון יידישן קולטור־קלוב און "קאָמיוניטי צענטער". אין איר הספד־רעדע האָט לילקע צו אים געזאָגט:

"...דו ביסט אין דער פּראָלעטאַרישער שטאָט לאָדזש אויסגעוואַקסן און פאַרכאַפּט געוואָרן מיט די אידעען פון סאָציאַליזם און יידישע קולטור. דו ביסט געווען צווישן די גרינדער פון דער יוגנט־באַוועגונג און געשאַנקען דיינע כוחות צו דערציען דעם יונגן דור. די אַרבעטער האָבן דיך אויסגעוויילט אין שטאָט־ראַט און דו האָסט מיט ציין און נעגל געקעמפט פאַר די רעכט פון יידישן אַרבעטער". (...); דו ביסט געווען אַ לערער פון דער מעדעם־שול... דער רעדאַקטאָר פון דעם "לאָדזשער וועקער"... דו ביסט געווען אַ טריבון אין דעם פּראָלעטאַרישן לאָדזש - און די לאָדזשער יידן - שווערע האָרעפּאַשניקעס האָבן דיך ליב געהאַט". ("אונדזער צייט". אָקטאָבער 1988, נומ. 10).

דער געבראַכטער אויסצוג פון דער דאָזיקער רעדע (ווי אויך די פריערדיקע אויסצוגן פון די עסייען און אַרטיקלען) איז כאַראַקטעריסטיש פאַר לילקעס סטיל: וועגן וועמען זי זאָל נאָר רעדן און שרייבן, שטרייכט זי אונטער קום כל די פּראָגרעסיווע מענטשלעכע מעלות פונעם פּערסאָנאַזש. דער מענטש "לפניו יהלך" - קודם כל דער מענטש - און דערנאָך דער שרייבער, דער פּאָעט, דער געזעלשאַפט־טוער. אַפילו אין אירע געזעגענונגס־ווערטער רעדט זי וועגן דעם אָוועקגעגאַנגענעם ניט אין עבר־צייט, נאָר אין דער איצטיקער צייט. און דער עקרשט, זי דערציילט ניט וועגן אים - זי רעדט מיט אים, ווי מיט אַ לעבעדיקן מענטש, אינטים. זי איז מיט אים אויף "דו".

די דאָזיקע שטריכן פון לילקע מייזנערס סטיל זענען די יסודות, אַ דאַנק וועלכע עס גיט זיך איר איין מחיה מתים זיין (רעאַנימירן) די פאַרגאַנגענהייט, אירע נאָענטע און פריינד, וועלכע זענען שוין צענדליקער יאָרן פיזיש ניטאָ מיט אונדז, און דאָך, גייסטיק פאַרבלייבן זיי מיט אונדז און פאַרקריצן זיך אין אונדזער זכרון אויף לאַנג.

*

אונדזער עסיי שעפּט ניט אויס אַלע טעטיקייטן און פינקלדיקע גרענעצן פון לילקע מייזנערס פּערזענלעכקייט. מיר האָבן ניט באַרירט איר פרויען, מוטער - און באָבע־געשטאַלט, איר פיליאָריקע פּעדאַגאָגישע טעטיקייט, אירע מוזיקאַלע פעיקייטן, איר ליבע צום בוך און צו דער יידישער ליטעראַטור, און נאָך און נאָך. די אַלע איבערגערעכנטע אַספּעקטן, ווי אַ סך אַנדערע פאָדערן אַ ספּעציעלע באַלייכטונג אין אַ באַזונדערן עסיי, (אָדער עסייען).

עס דאַכט זיך, אָבער, אַז פון די געבראַכטע שורות שיינט אַרויס לילקעס פילגעשטאַלטיקייט: איר גרויסער אַרבעטער־און געזעלשאַפטלעך קולטורעלער ייחוס, איר מענטשלעכקייט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די שווערסטע עקזאַמענס אין געפערלעכסטע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, איר גרויס אַחריות־געפיל פאַר אַלץ, וואָס זי טוט און שאַפט, און... איר טאַלאַנט צו טון גוטס, איר איבערגעגעבנהייט צו די אַלע, וועלכע האָבן באַשיינט איר קינדהייט און יוגנט, פאַרלייכטערט אירע פיינען אין די שרעקלעכע צייטן פון אומקום, און צוזאַמען מיט דעם - פאַרבלייבט לילקע אַ גלוביקע. - אַ גלוביקע "אין עפּעס, וואָס איז איבער "איך". (מלכה טוזמאַן).

אין פּוילן איז אַמאָל געווען אַ יידיש ווערטל: "אַ גביר האָט מזל!" יאָ! לילקע מייזנער איז אַ גבירנטע און האָט מזל. זי איז רייך מיט פאַרשידענע גוטע זיטן, רייך מיט נאָענטע, איבערגעגעבענע חברים און פריינד, מיט ברוויזנדע אידעען און פאַרטראַכטן, מיט אַ טאַלאַנטירטער געטרייער טאָכטער און ניט ווייניקער טאַלאַנטירטע און געטרייע איינקלעך. און דאָס איז איר שכר און דאָס איז איר מזל. - מזל פון זכות בנים, וואָס איז אין היינטיקע צייטן ניט נידעריקער פון זכות אבות, "אויב ניט נאָך העכער".

רחל בוימוואַל / ירושלים

## ווינטן

שפּאַצירן ווינטן אין די גאַסן
אַמאָל מיט אימפּעט, אַמאָל געלאַסן,

שפּאַצירן איבער גראָז און בלומען,
באַהאַלטן זיך און ווידער קומען,
שפּאַצירן איבערביימער־קרוינען,
איבער דער געגנט ווו מיר וווינען...

עס רעדט זיך "מיר". איך ווין אַליין.
אַליין איך ווין, אַליין איך ווין.

אין דרויסן שטויסן מיך די ווינטן
און ווייסן ניט וווהין אַהינטאָן...
יוני, 98 י.

זיאַמע טעלעסין

(פון זיין אַרכיוו)

## אונדזער סאַמאָוואַר

אונדזער מעשענער סאַמאָוואַר
מיט דעם טשייניקל פון אויבן,
ליב געהאַט האָב איך אים דערפאַר,
וואָס כ׳פלעג אים שטעלן. און אין טרויב אים
שיטן סאָסנע־בערעלעך
און מיט אַ כאָליעווע צעבלאָזן.
פון דאַנען אפשר שטאַמט,
וואָס ס׳איז די טיי געווען אַזוי באַטעמט.

## אַ געסל

אַ געסל. צעוואָרפענע שטיבלעך אַ צענדליק,
מיט וועלכער די זאַמדיקע פאַרשטאָט זיך ענדיקט

מיט וועלכער ס׳הייבט אָן זיך דער אַלטער בית־חיים,
און ס׳פּאַשען זיך ציגן,
און וואָראָנעס שרייען.

די שטיבלעך - עס איז אויף זיי מאָדנע צו קוקן
זיי שטייען פאַרדרייטע צום וועג מיטן רוקן

אַ טיר מיט אַ סקריפּ טוט זיך ערגעץ אָן עפן.
א זעלטענעם דורכגייער קענסטו דאָ טרעפן.

צעהאָנגענע גרעט אין די אָפענע הייפן,
עס שפּילן זיך קינדער און קייקלען דאָ רייפן.

## מיין געפינס

אויפן שליאַך ניט ווייט פון מלאַטקעווע,
צוויי טריט פונעם מאָכיקן ברונען,
אַ פערד האָט פאַרלאָרן אַ פּאָדקעווע.
די פּאָדקעווע האָב איך געפונען,
ווען איך בין געגאַנגען באַגינען
אין מלאַטקעווער וואַלד נאָך סופּסינעס...

די פּאָדקעווע כ׳וואַרף אינעם קאָשיק
און טראָג זיך צוריק ווי אַ לאָשעק,
כ׳פאַרלויף ביי דעם אָנהויב פון שטעטל
אין קוזניע צו לייזערן גראַליעס.
כ׳האָב קוים ביי דעם שמיד אויסגעבעטן
עטלעכע אַלטע אוגנאַליעס

---

### תיקון טעות

אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ וועגן דיכטער זיאַמע טעלעסין, וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט זיינע צוויי לידער (״חשבון״ נומ. 131 ז׳ 17) איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות. עס זאָגט זיך דאָרט צוו. אַנד.: (ער איז) ״געווען רעפּרעסירט און אָפּגעפּינצטערט יאָרן אין די סאָוועטישן לאַגערן״. זיאַמע טעלעסינס אַלמנה, די דיכטערין רחל בוימוואַל, מאַכט אונדז אויפמערקזאַם, אַז דאָס שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. זי שרייבט אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע: ״מיר זענען קיינמאָל נישט געווען רעפּרעסירט, כאָטש לאַנגע יאָרן זענען מיר געזעסן און געציטערט, און געהאַלטן אונטערן קישן אַ קלומעק מיט וועש און מיט 50 רובל יעדער״...

פאַר דעם פאַרדריסלעכן טעות נעמען מיר די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך און אַנטשולדיקן זיך פאַר דער דיכטערין, וועלכע היט אַזוי געטריי דעם אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

**די רעדאַקציע**


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

פאַרוואַלטונג ״חשבון״ Phone: (310) 820-2976

שירע גאָרשמאַן / אַשקלון

# מיניאַטור

## אַן אומגעריכטע דערקוויקונג

אין מיין מדינה איז אומגעלומפּערט אָנצוהייבן אַ ליאַדע זאַך "אין אַ שיינעם פרימאָרגן". אין מיין קעניגרייך איז אַ האַלב יאָר די זון אויפן ליכטנדיקן הימל. גאַנץ פרי בין איך מחויב גוט אַ קוק טאָן אין פענצטער, איך מוז וויסן ווי די ביימער פילן זיך, זיי ווינען דאָך אין דרויסן; ווי די כל־ערליי גרעזלעך און בלומען זענען גלייך און שטייף אויף די וואָרצלען. ברוך השם, די צווייגן אויף די ביימער הייבן זיך גלייך ווי זיי וואָלטן באַדאַנקען די ביימער, וועלכע האָבן זיי געגעבן קרעפטן צו וואַקסן, זיין אַזוי פריש און גרין גאַנצע חדשים אָן אַ קאַפּ רעגן. אָנקוקן די בלומען דאַרף מען האָבן אַ סך אויסגעהאַלטנקייט. זיי זענען אַזוי צעבליט, אַזוי זאַפטיק גרין, קיין גרעסערע הנאה ווי צו קוקן אויף זיי דאַרף מען ניט.

איך הייב אויף די אויגן און גאַף: וואָס איז דאָ געשען? פון וואַנען האָבן זיך גענומען די וואַגאָנדלעך, און די אַלע בעלי־חיים?... אַ־האַ, איך פאַרשטיי שוין. מען האָט עס געבראַכט ביי נאַכט. דערפאַר האָב איך ניט געהערט. איך בין געשלאָפן. די געשטרייפטע טונקל ברוין־ווייסע זשעברעס קאָנען דאָ ניט גיין האַסטיק. דאָ איז זייער ענג. שטייען זיי. אַנדערע האָבן צוגעשפּאַרט די קעפּ איף די דערבייאיקע. און די זשעברעס זענען גאַנץ צופרידן.

אָט גייט מייעסטעטיש אַ שוואַנען פאַרפאָלק. ער איז ניט אַזוי שיין געקליידט ווי זי. ביי איר זענען די פעדערן גלאַנציקע, פאַרשיידן־פאַרביקע. די הענט־פליגל גרייכן ביז די פיס. זיי גייען פּאַוואָליעטשקע, דערנאָך שטעלן זיי זיך אָפּ. ער שאַרט פאַנאַדער מיט זיין שנאָבל, גריילעך פאַרזיכטיק, די פעדערן פון איר פליגל און שטעקט אַראָפּ געהיט דעם קאָפּ אַהינצו. זיי שטייען און שפּרייטן מילדקייט, אָפּגעזונדערקייט, און זייער שטאַרקע ליבלעכקייט.

זיי שטייען זיך אַזוי און איך קוק אויפן העלפאַנט. נישט אַזוי אויף אים, ווי איך דערמאָן זיך זעליק אַקסעלראָדס ז"ל ווערטער פון זיינע אַ ליד וועגן אַ העלפאַנט, וואָס ער האָט געזען אין זאָאָפּאַרק: "וואָס פאַר אַ קראָפט אין זיין שנוק איז פאַרבאָרגן, אַז אַפילו אַ נאָדל ציט ער צו". די העלפאַנטן טרעטן פּאַוואָליע. די נעז האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד. קוקן אויף די שוואַנען איז אַ מחיה. אויף די העלפאַנטן קוק איך קנאַפּער. איך מוז גלייך לויפן אין בית מגורים. זאָגן מען זאָל גיכער לויפן און קוקן אויף די בעלי־חיים. נאָר איינער אַ קאַלטבלוטיקער מאַנצביל טוט אויף מיר אַ מאַך מיט די הענט און בייזערט זיך אַ ביסל: "וואָס איז דאָ צו קוקן? דאָס איז דאָך "מערעדיאַן"־צירק פון איטאַליע. די עיריה וועט אָפּלעקן אַביינדל. דער צירק וועט פאַרקויפן בילעטן. וועלן מיר גיין און זען".

וואָס בין איך אַ נאַר? כ'וועל גיין קויפן בילעטן? כ'וועל שטיין ווי אַ גראַפּיניע ביים פענצטער, און איך וועל קוקן וויפל איך וויל.

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# Requiem

יודיסקה - לזכרון

(פיר בילדער אין ליד און אין פּראָזע)

## א

זי האָט ערד געגראָבן.
אַ בוים געפלאַנצט.
וואַסער געשעפּט.
אַ סוועדער געשטריקט.
מילך אויפגעבריט.
אַ קנעפּל צוגענייט.
אַ העמד געוואַשן.
אַ שויב געפּוצט.
אַ פריינט געהאָלפן.

איז געקומען דאָס אינוואַלידן־וועגעלע
און איר פאַרביטן די פיס.
צוויי מעטאַלענע רעדער און אַן אָנלען
פון ברעזענט.
דאָס זענען איצט אירע פיס.
דאָס זענען איצט אירע הענט.

זי וועט שוין ניט גראָבן קיין ערד.
ניט פלאַנצן אַ בוים.
ניט שעפּן קיין וואַסער.
ניט נייען אַ קנעפּל.
ניט וואַשן אַ העמד.
ניט פּוצן אַ שויב.
ניט העלפן אַ פריינט.

## ב

הוי, דאָס אינוואַלידן־וועגעלע!
דאָס אינוואַלידן־וועגעלע!
פון אַלע ווייטע רייזעס,
פון אַלע פאַרגעניגנס,
פון אַלע שמחות
זענען די צוויי רעדער
פונעם אינוואַלידן־וועגעלע
געוואָרן דער תמצית.
מען פירט זיי

מען שטופּט זיי
מען ברענגט זיי.
בלויז בײנאַכט גליווערן זיי
צוזאַמען מיטן געליימטן גוף
וואָס מען האָט אַרײַנגעלייגט אין בעט.

## ג

מענטשן זאָגן - 81.
מענטשן זאָגן - ניטאָ קיין אייביקייט.
מענטשן זאָגן - האַלט זיך. שטאַרק זיך.
און איך זאָג - מײַן כלה איז ניט 81.
זי איז קוים 18.
מײַן אויסדערוויילטע.
מײַן אויסגעבענקטער זיווג.
מײַן צעלויכטענע
מײַן 18 יעריקע כלה!

און איך זאָג - ווי קאָן מען זײַן שטאַרק ווען מען זעט איר פאַרצווייפלטן בליק, ווי זי ראַנגלט זיך - וויל עפּעס זאָגן, עפּעס פרעגן, עפּעס דערציילן און דאָס מויל איז שטום. ס'קומט בלויז אַרויס אַ געברום, וואָס זאָגט אַלץ און גאָרניט. די לינקע האַנט וויל דערקלערן און די רעכטע איז בלוי, איז קאַלט און געשוואָלן - ווי אַ פרעמדע צוטשעפּעניש, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו איר קערפּער. מיט אַ קרומען שמייכל. מיט אַ פאַרשעמטן בליק וויל זי זיך אַנטשולדיקן, וואָס מען קאָן זי ניט פאַרשטיין. וואָס איר האַלבער גוף און דאָס מויל איז אין אָנמאַכט און זי איז דאָך ניט מער ווי 18 - מײַן כלה! טאָ ווער האָט עס אַזוי פאַרפּלאָנטערט און פאַרטויששט די ציפערן? ווער האָט געמאַכט אַזאַ ביטערן טעות און געשטעלט דעם 1 פאַרן 8 און ניט פאַרקערט - ווער?

## ד

כ'האָב צעשטעלט שטולן פאַר די אַלע וואָס וועלן מיך קומען מנחם־אבל זײַן. שטולן קיילעכדיקע און שטולן פירקאַנטיקע. הויכע און נידעריקע. מיט אָנלענען און אָן אָנלענען. פון אַלע סאָרטן, קאָלירן און גרייסן - פּונקט ווי עס טרעפט זיך ביי מענטשן.

דערוויייל שטייען זיי ליידיק. קיינער זיצט נאָך ניט אויף זיי. קיינער רוקט זיי ניט. קיינער שפּאַרט ניט אָן זײַן פּלייצע אויף זייער ווענטל. זיי קוקן אויף מיר. איך קוק אויף זיי. זיי רעדן צו מיר אויף שטום־לשון. איך רעד צו זיי מיט די אויגן־בליקן. איך וווּנדער זיך ווי זיי פאַרשטייען מיך.

כדי מיך ניט צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט, מאַכן זיי זיך ניט זען, אַז מײַנע אויגן זענען פייכט. פייכטע אויגן. שטילער טרויער. עס זשומט, עס זשומט מיר נאָך אַלץ אין אויער דער רעש פון די לאָפּעטעס, וואָס פאַרשיטן דעם גרוב און דער אָפּהילך פון די טריט. פון יעדערנס טריט באַזונדער, וואָס קומט צום פרישן בערגל און לייגט אַ בלימל. אַ רויט בלימל - אַ צאַפּלדיק שטיק בלוט, וואָס מען האָט אָקערשט געטונקען אין מײַן האָרץ.

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# דאָס העזעלע אויף דער וואַנט

## (קאַפּיטל פון דער נאָוועלע: ״פנינה״)

פון מזכירות האָט פנינה געבראַכט פאַר ליפען אַ קאָוועט געדיכט אויסגעקלעפּט מיט בריוו־מאַרקעס פון אויסטראַליע. מיט קינדערישער פרייד האָט זי געצאַפּלט פון דעם געדאַנק, אַז די אַלע בריוו־מאַרקעס וועלן באַלד געהערן צו איר. זי וועט זיי אָפּקלעפּן פון קאָנווערט, אויספּרעסן און פאַראייניקן מיט איר קאָלעקציע.

פנינה, דאָס קיבוץ־קינד וועלכן עס איז פרעמד געווען דאָס געפיל פון מיינס, איז געווען פאַרקאָכט אין פילאַטעליסטיק. די מאַרקעס האָבן געלאָקט מיט ווייטע, עקזאָטישע לענדער. דער קיבוץ איז ניט רייך געווען אין בריוו־דערהאַלטער, איבערהויפּט פון אויסלאַנד. איז איר קאָלעקציע ניט געווען קיין גאָר פאַרשידנאַרטיקע. אין ליפען האָט זי אַנדעקט אַ קוואַל ממש.

סאַשע קאַפּלאַן - ליפעס שול־חבר און גוטער ברודער האָט זיך אָפּגעזוכט אַזש אין אויסטראַליע, וואָהין ער האָט אַנגעשפּאַרט פון די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד. וואָס האָט סאַשע געוווסט פון אויסטראַליע? אַזוי פיל ווי גאָרניט. גאָר שיפן זענען געגאַנגען, איז מען געפאָרן.

טאַקע פון סאַשען איז ליפע דערגאַנגען, אַז שעווע - דאָס מיידל מיט וועלכער ער האָט פאַרן קריג ״געשפּילט אַ ראָמאַן״ (אַזוי האָט מען אין שטעטל בפירוש געזאָגט) האָט איבערגעלעבט די מלחמה; אַז זי געפינט זיך ערגעץ אין טיף רוסלאַנד, אַז זי האָט אַ מאַן, דאַכט זיך - קינדער אויך.

כאָטש סאַשע האָט געשריבן, אַז ״שעווע לעבט ערגעץ אין רוסלאַנד״ האָט ליפע פאַרשטאַנען, אַז ער ווייס ווו דער ערגעץ איז. (פאַרלאָז זיך אויף סאַשקע ממזר...) נאָר אים, ליפען, וויל ער דעם אַדרעס ניט שיקן. איז אפשר טאַקע גוט אַזוי. ליפע אַליין זעט ניט קיין זין פון ווידער אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט. כאָטש אינעווייייניק פּילט ער: וואָלט געווען אַן אַדרעס, וואָלט ער מסתמה אָנגעשריבן. צופרידן איז ער אָבער פון פאַקט גופא, זי לעבט... עמעץ וואָס קאָן אים נאָענט. עמיצער וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט דעם ערשטן צאַפּל פאַר אַ פרוי.

אוודאי, סאַשע האָט אין יענע יאָרן אויך געהאַט אַן אויג אויף שעווען. אָבער, ווייזט אויס אַז דאָס איז ניט געווען זיין שולד. שעווע האָט געהאַט עפּעס אין זיך אַ כוח אויפצורודערן אַ בחור, עס זאָל אַ צענעם טאָן, ניט אויף קאַטאָוועס. נו - און דו אַליין - האָט ליפע זיך אַליין געפרעגט, טאַקע ווי אַן אייגענעם וואָס ווייס געגוי: דו אַליין ביזט דאָך אַריין צווישן איר און זייטשיקן... אויף אַזעלכע קלייניקייטן קוקט מען זיך ניט מער אַרום. און אויב סאַשען דוכט זיך, אַז ער איז אַצינד נענטער מיט שעווען ווי ליפע - ווייל זיי שרייבן זיך איבער - נו מילא... סאַשע איז סיי ווי געבליבן דער גוטער ברודער.

אין איינעם פון זיינע בריוו האָט סאַשע אַפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז שעווע זוכט אַ וועג אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. אפשר וועט זיך נאָך עפּענען אַ טיר פאַר פוילישע בירגער, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט.

-מע, זי קאָן אַ מאָל אַראָפּקומען קיין ישראל - האָט ליפע ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן - קומען דאָך יידן פון דער גאַנצער וועלט. יעדן טאָג געשעען דאָ נסים - עס זוכן זיך אָפּ מענטשן, וועלכע מען. האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן.

פנינה האָט וועגן דעם אַלעם געהאַט אַ זייער ווייטן און זייער פאַרנעפּלטן באַגריף. זי האָט אָבער געוווסט, אַז ליפּעס חבר סאַשע קאַפּלאַן וווינט אין אויסטראַליע, איז אַ קליינבירגער מיטן אַן אייגענעם אויטאָ, אַן אייגן הויז, אַ פרוי און קינד. ער - ווי ליפּע שרייבט אָפט אין זשורנאַלן; אַ ליד, אַ מעשה. דאָס זעט איר אויס ווי אַ קינדער־קראַנקהייט, פון וועלכער די צוויי חברהלייט האָבן זיך נאָך ניט אויסגעהיילט. זינט ליפּע האָט אים געשריבן וועגן פנינהס שוואַכקייט פאַר בריוו־מאַרקעס שיקט ער בריוו מיט פאַרשידענע מאַרקעס, וועלכע ער קלעפּט אויס ווי אַ מאָזאַיק. זי האָט זיך אַפילו געכאַפּט, אַז זי האָט סימפּאַטיע פאַר אָט דעם ווייטן מענטשן, וואָס האָט זיך מיט ליפּען אויפגעהאָדעוועט כמעט אונטער איין דאַך. ווייל אָט: אַ פרעמדער מענטש און האָט תמיד איר אין זינען, ווי נאָר ער נעמט זיך שרייבן אַ בריוו צו זיין פריינד. דער איצטיקער קאָנווערט זאָגט עדות דערויף.

פנינה האָט געקוקט ליפּען אויף די הענט. געציטערט ער זאָל ביים אויפמאַכן דעם קאָנווערט ניט באַשעדיקן די מאַרקעס.

- רגע - ברען ניט - האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר - לאָז מיר כאָטש אַרויסנעמען דעם בריוו.

אַזוי האָבן זיי זיך איינגעטיילט; איר - בריוו־מאַרקעס, אים - די בייגעלעך פּאַפּיר פאַרשריבן מיט מאַשין־שריפט געוויס. אויך די שרייב־מאַשין האָט פנינה ניט געוואָלט אַנערקענען ווי אַ צייכן פון שכלדיקע. דערגרייכונג. אין אירע אויגן איז עס געווען נאָך אַ באַווייז פון סאַשעס קליינבירגערלעכקייט...

- מיט אַ שרייב־מאַשין - האָט זי געגעבן ליפּען צו פאַרשטיין - דאַרפן זיך באַנוצן אָפיציעלע אַמטן. אַ דאָקומענט דאַרף מען שרייבן ווי געהעריק. דער מזכירות פון קיבוץ פאַרמאָגט אַ שרייב־מאַשין. אַ גאַנצער קיבוץ - אָבער ניט איין מענטש. אַ חוץ אַלעמען, אַ בריוו געשריבן מיט אַ מאַשין לאָזט קאַלט. דו קאָנסט ניט דערקענען דעם מענטשנס כאַראַקטער... ניט די שטימונגען ביים שרייבן... פילסט ניט ווען דאָס האַרץ ציטערט אים, ווען דאָס וואָרט רייסט זיך אַרויס פון אונטער דער פעדער קעגן זיין ווילן.

- איז עס פסיכאָלאָגיע אָדער פּאָעזיע? האָט ליפּע סתם אַזוי אַ פרעג געטאָ, כדי עפּעס צו זאָגן.

- קליינבירגערלעכע קונצן - איז שוין פנינה געוואָרן צוריק זי - זיך באַווייזן מיט אַן אייגענער שרייב־מאַשין...

צוזאַמען זענען זיי אַריינגעפאַלן צו די פּאַרטיזאַנער און נאָך דער מלחמה זיך צעשיידט. אַצינד שרייבט שוין סאַשע וועגן זיין לעבן אין אויסטראַליע. פאַרטיפט אין לייענען, האָט ער ניט באַמערקט, אַז פנינה האָט זיך שוין אָנגעפריידט מיט די מאַרקעס און קוקט אויף אים מיט פרעגנדיקע אויגן. זי האָט פון דעסטוועגן זיך אָנגענומען מיט געדולד, ביז ער וועט דערלייענען דעם בריוו ביז צום סוף. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

- איז וואָזשע שרייבט דאָרט דיין חבר? - האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

- נאַ לייען - האָט ליפּע געוואָלט אַ זאָג טאָן, נאָר זיך געכאַפּט; פנינה וועט זיך פילן געטראָפן - מחמת ער ווייס דאָך, אַז זי קאָן ניט קיין יידיש...

עס האָט גענומען ווערן פאַרנאַכטלעך. דער אַרבעסט־טאָג איז שוין געווען כמעט אָפּגעטאָן. כאָטש דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געדאַרפט אַריינקוקן, כדי צו זיין איינגאַנצן רויק. דערפאַר האָבן זיי זיך ניט געיילט.

ליפע האָט פֿאַרשוויגן סאַשעס זייטיקע באַמערקונגען, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן שפּורן פֿון גוטמוטיקן סאַרקאַזם. ער האָט ניט געוווּסט, ווי אַזוי פּנינה וועט עס אויפֿנעמען. נאָך אַלעמען – זי קאָן דאָך ניט סאַשען וואָס האָט אַ מאָל אויף ס'כּוח זיך געשניטן אויף אַ משה נאַדיר...

היינט האָט די צונג אים אַ צופּ געטאָן עפּעס צו זאָגן. זי איז אַרויס פֿון זיין רשות, ווי אַ געהאָכזאָם פֿערד גייט מיטאַמאָל אַרויס פֿון די האַלאָבלעס.

– קענסט דאָך דעם קליינבירגער – האָט ער זיך באַמיט אָנצושלאָגן פּנינהס טאָן – קודם הייסט ער גריסן דאָס מיידעלע פֿון קיבוץ... דיר הייסט עס. דאַן וויל ער וויסן צוויי זאַכן; וואָס פֿאַראַ תּכלית איז עס פֿאַר אַ בחור ווי איך, צו פֿאַרקלייבן זיך אין אַ קאָלכאָז!

פּנינה האָט שוין געהערט פֿון די קאָלעקטיוועווירטשאַפֿטן אין רוסלאַנד, וועלכע מען רופֿט קאָלכאָזן, און די דאָרטיקע ווירטשאַפֿט...

– וואָס פֿאַראַ פֿאַרגליך – האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט פֿאַרדרוס – מיר זענען דאָך דאָ פֿרייוויליק!

– ער וויל אויך וויסן ווי לאַנג איך קלייב זיך נאָך צו בלייבן אַ בחור? דאָס בעסטע, מיינט ער, וועט זיין פֿאַר מיר, איך זאָל אַריבערקומען קיין אויסטראַליע – אַ מדינה ווי אַ מאַלינע...

פּנינה איז טרויעריק געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ליפע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט געניצט דעם קלוגסטן אויסדרוק פֿאַר דעם געדאַנק, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. אים האָט געוווּמען אַרן, וואָס ער האָט אָנגערירט אַ ווייטאָגלעכן אָרט. ער האָט געפֿילט; עס איז דאָ אַ נאָענטקייט צווישן זיי, כאָטש גערעדט דערפֿון האָט מען ניט.

זיי האָבן געשוויגן.

ליפֿען האָט זיך געגלוסט עפּעס צו זאָגן, עפּעס אַ באַנאַלקייט, וואָס זאָל צעיאָגן דעם אומעט וואָס איז ווי אַ שווערער וואָלקן געהאָנגען צווישן זיי.

– נו – האָט פּנינה ניט אויסגעהאַלטן די שפּאַנונג פֿון דער שטילקייט – וואָס וועסטו ענטפֿערן אויף זיין אָנבאָט?

ליפֿען איז לייכטער געוואָרן אויפֿן געמיט. ער האָט דערשפּירט – פּנינה האָט אויפֿגעמאַכט אַ טירל. זי האָט לויז געמאַכט די פּרוזשינע פֿון דער פֿאַסטקע, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין געפֿאַנגען, און ניט געקאָנט אַרויס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט וואַרעמע, פֿייכטע אויגן. איר גאַנץ וועזן איז געווען אָנגעשפּאַנט ווי אַ בויגן. זי האָט דערוואַרט זיין ענטפֿער.

– איך? – האָט ליפע געגומען זוכן דאָס וואָרט וואָס זאָל כאָטש איצט, דאָס מאָל אַרויס אויף גאָטס וועלט מיט ישוב הדעת און ער זאָל נאָכער ניט האָבן קיין צרות – איך וועל בלייבן דאָ, אויב דער קיבוץ וועט מיך וועלן אָנעמען ווי אַ חבר.

פּנינה האָט פֿאַרגעסן די אַלע אָנזאָגן, וואָס זי האָט זיך אַליין פֿאַרזאָגט – ניט אַרויסצוווייזן אירע געפֿילן, דאָס פֿאַרבאַרגענע ווייבלעכקייט וואָס האָט אין איר געגורטעוועט און געזוכט אַן אויסדרוק. זי האָט אַלץ הערמעטיש צוגעשרויפֿט, כאָטש געשפּירט האָט זי – דעם אינערלעכן דרוק וועט זי סוף כּל סוף ניט אויסהאַלטן. צווישן די אָנגעצייכנטע געזעצן, וועלכע זי האָט זיך פֿאַרגעשריבן, איז אויך געווען: ניט דעמאָנסטרירן געפֿילן, ביז ליפע אַליין וועט אויסשטיין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד און וועט אויסקלייבן זיין דרך אין לאַנד. נאָך יאָרן זיין אָפּגעזונדערט אין וואַלד, וועט ער

אפשר זוכן רו אין שטילן דאָרף? וועט אים לאָקן די שטאָט מיט איר צאַפּלדיקן לעבן: דער וויר־וואַר, די נעאָן ליכט, זיין צווישן מענטשן אַנשטאָט צווישן ביימער? אַפילו דאָ, אין דאָרף, וועט ער מוזן דורכברעכן געוווינהייטן, זיך ראַנגלען מיט פּראָבלעמען. זי האָט אויסגעמיטן איר דירעקטן אַריינמיש אין זיין איבערפּלאַנצונג. אפשר האָט ער נאָך ערגעץ ווו אַ פאַרבינדונג, וועגן וועלכער ער מיידט אויס צו ריידן, און דאָס קאָן אויך זיין אַ סיבה, ער זאָל זיך מיטאַמאָל טאָן אַ רייס אָפּ און אַוועקגיין, מיינענדיק: אויף דער באַגעגעניש האָט ער געוואַרט אַלע יאָרן: אַז דאָס איז אייגנטלעך געווען דער כוח וואָס האָט אים געהאָלפן דורכלעבן די שווערע וואַלד־יאָרן, ווי אַ פאַרטיזאַן. דאַרף זי עס ווערן די אייזערנע קויל צוגעשמידט צו זיינע פיס, וואָס זאָל אים שטערן אין פלי?

יאָ. פנינה האָט פאַרגעסן די אַלע אָנזאָגן, וואָס זי האָט זיך אַליין פאַרזאָגט. זי האָט פשוט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, גייענדיק איבער דעם שמאָלן בריקל פון לאָגיק, און איז אין איר גאַנצער גרויס אַריינגעפאַלן אין ראשיקן שטראָם פון געפילן. זי האָט פאַרוואָרפן ביידע הענט אַרום ליפעס האַלדז און אים געגומען קושן מיט גליענדיק ליפן, איבער גאַנצן פנים. ליפען האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אָט דעם אויסברוך, פון דער צעבושעוועטער כוואַליע וואָס האָט אים פלוצלינג אָפּגעגאָסן און ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

ווי אַ שווימער, וואָס ווערט מיט אַ מאָל אַריינגעצויגן אין וואַסער־געווירבל, האָט ער אויף אַ רגע פאַרלוירן די אָריענטאַציע פון דער ריכטונג. אַ רגע שפּעטער אָבער, האָט ער שוין אויף קלאָר געוווסט, אַז די צעבושעוועטע כוואַליע פון פנינהס געפילן, וואָס האָט אים נאָר וואָס אָפּגעגאָסן מיט וואַרעמער פרייד, איז דער אויסדרוק פון ליבע, וואָס האָט געוואַרט אויפן פּאַסיקן מאָמענט אַרויסצוקומען אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. זי האָט איינגענורעט איר קאָפּ אין זיין אָפענער, האָריקער ברוסט און טרערן פון פרייד האָבן געפינקלט אין אירע אויגן.

– דער קיבוץ וועט זיין אונדזער היים – האָט ער איר איינגערוימט אין אויער – די היים פון נייעם מענטשן, וואָס איז די רגע געבוירן געוואָרן...

* * *

די נאַכט האָט ליפע שאַפּירא ניט געקאָנט שלאָפן. עס איז געשען דאָס, נאָך וואָס ער האָט געבענקט אין משך פון וואָכן, שוין באַלד חדשים. זינט ער איז אין אולפּן האָט ער מיט יינגלערישער נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען; איר בליק, וואָס איז געווען ווי די זון וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף דער וואַנט און אַוו ער איז געפאַלן, האָט אַ ליכטיקער פלעק אַ צאַפּל געטאָן. ווי אַ קינד, וואָס יאָגט זיך נאָך נאָכן הזעלע אויף דער וואַנט, האָט ער זיך געיאָגט נאָכן זוניקן צאַפּל פון איר בליק און געפּרווט זיך וואַרעמען אין אים. וואָלט ער געזען ווי אַ קינד יאָגט זיך נאָך נאָכן זוניקן הזעלע אויף דער וואַנט, וואָלט ער נאַטירלעך מיט דער קלוגשאַפט פון אַן עלטערן געשמייכלט: אַן אָפּטישע אילוזיע.

נאָר אָט, דאָס קינד האָט טאַקע געכאַפּט דאָס הזעלע אויף דער וואַנט... צו דעם איז ער לחלוטין ניט געווען צוגעגרייט. עס האָבן אים גענומען מאַטערן ספיקות: וועט דער קיבוץ אים אָננעמען? וואָלט ער געקומען מיט אידעישע מאָטיוון, נו, אַזאַ זאַך לאָזט זיך דערקלערן, איבערצייגן. צי וועלן זיי אָבער וועלן אַריין אין תוך פון דעם ענין – אַז דאָס קינד האָט געכאַפּט דאָס הזעלע אויף דער וואַנט? דאָס איז אפשר אַן ענין פאַר פּאָעטן, אָבער אויסגעפּראַצעוועטע קיבוצניקעס וועלן אַוודאי אויף אים קוקן מיט אַ גראַד פון

לייב באַראָוויק / ניו־יאָרק

## ווער קען פאַרשטיין?

"...כי אדם לעמל יולד"
איוב: ה, ז.

די טעג זיך ציען גיך
אַזוי. ווער ווייסט וווהין?
ווער קען פאַרשטיין דעם ציל
פון דעם געיעג, דעם זין?

פאַר וואָר, צו מאַטערניש
געבאָרן איז דער מענטש.
ווען ס'שלאָגט זיין שעה פאַרשווינדט
ער, ווי ר'וואָלט ניט געווען:
ווער ווייסט אויב ס'איז דער צייט

אַ נס באַשערט, אַן ענד?

עס ווערט דער ים ניט מיד
צו רוישן נאָך אַנאַנד;
ס'קלינגט צאַרט אַזוי און זיס
דעם סאָלאָווייס געזאַנג.

ווי שלווהדיק עס איז
אין הימלרוים, ווי שטיל!
ווער קען דערגיין דעם זין
פון דעם באַשאַף, דעם זין?

---

חוזק... און ער אַליין: וואָלט ער אויף דעם אַנדערש געקוקט ווען ניט אינעווייניק וואָלט עס ניט געגליט ווי הייסע קילן... און אויב זיי וועלן ניט זיין קעגן - צי וועט ערגעץ ניט טליען אַ שטילער פאַרדרוס, וואָס פנינה איז אַוועק מיט אַ "פרעמדן" דרויסנדיקן און ניט קיין סאַברע?

און אירע עלטערן? ווי וועלן פנינהס עלטערן קוקן אויף דעם ענין, איז ער דאָך אַ סך עלטער פון איר?

קלערנדיק אַזוי, האָט ער זיך דערטראַכט, אַז אַלע זיינע יאָען און אַלע זיינע ניינען שטאַמען פון דער אַלטער וועלט פון וועלכער מען האָט אים בגוואַלד אָפּגעריסן און וועלכע איז שוין אָבער מער ניטאָ. און ווי תמיד, ווען ער האָט ניט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען, ווי מען נעמט צוזאַמען ריטלעך אין אַ בעזעם - איין גאַנצקייט - האָט ער זיך פאַרלאָזן אויפן אַלטן זאָג - דער פרימאָרגן איז קליגער ווי דער אָוונט...

* * *

צומאָרגנס איז שוין ליפע ניט געווען מער זיכער, אַז דער פרימאָרגן איז טאַקע קליגער. פון מזכירות האָט מען אים איבערגעגעבן אַ בריוו, וואָס איז פאַר אים נאָר וואָס אָנגעקומען. ליפע האָט אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט באַמערקט די סאָוועטישע בריוו־מאַרקעס. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַרומגעקוקט: - גוט וואָס פנינה איז ניטאָ דערביי...

דער בריוו איז געווען פון שעווען...

יוסף גאָלדקאָרן / בת־ים

# אין די סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן*

מיר זענען אַרויס אין וועג. דער שליטן האָט זיך געגליטשט אויף אַ שמאָלן שליאַך. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיר זענען אַריין אין אַ מידבר פון פּאַר מעשה בראשית. ווי ווייט ס'אויג האָט געגרייכט האָט מען געזען אַ פּוסט פלאַכלאַנד באַדעקט מיט שניי. מיר האָבן זיך געשליטלט שוין אַ לענגערע צייט און אויפן גאַנצן וועג נישט געזען קיין סימן פון אַ בוים, פון אַ קוסט, פון קיין שום געוויקס אָדער פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש. ווען איך דערמאָן זיך דאָס בילד קומט מיר אויפן זכרון דאָס באַקאַנטע ליד פון דעם גרויסן יידישן דיכטער אין ראַטן־פאַרבאַנד, דוד האָפשטיין, וואָס איז אַ געניע שילדערונג פון דער סיטואַציע, אין וועלכער מיר האָבן זיך דאַן געפונען.

"אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!  
ווו קאָן מען זיין עלנטער, ווו קאָן מען זיין עלנטער.  
אַ פערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּנדער שליטן,  
אַ שליאַך אַ פאַרשנייטער - און איך בין אין מיטן...  
- - - פון פאָרנט פאַרשפרייט זיך אַ מידבר אַ ווייסער,  
און ווייט דאָרט צעזייט איז אַ צענדליקל הייזער,  
דאָרט דרעמלט אַ כוטאָר, פאַרזונקען אין שנייען..."

פּלוצעם האָט זיך דער שליטן פאַרהאַלטן. דאָס איז נישט געווען קיין כוטאָר און נישט קיין צענדליק הייזער. ס'זענען דאָרט געווען בלויז עטלעכע זעמליאַנקעס, הייזקעס פון ערד. אין זיי האָבן געוווינט די קאָלכאָזניקעס, וואָס האָבן באַאַרבעט די פעלדער. דער פורמאַן האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, כדי אַנצוקאָרמען און אָנפּאָיען דאָס פערד. האָבן אויך מיר גענאָסן ביי דער געלעגנהייט. מיר זענען אַריין אין דער זעמליאַנקע. געווען איז עס אַ מין קעלערשטוב פון בערך 20 מעטער די לענג און 10 מעטער די ברייט. הויך, אונטערן סאַמע דאַך, זענען געווען צוויי פענצטערלעך. פון דרויסן זענען זיי געווען כמעט אויף דער ערד, אַזוי אַז דער שניי האָט פאַרדעקט דעם אונטערשטן טייל פון די שויבן און קוים אַריינגעלאָזט אַ ביסל ליכט. אין דער זעמליאַנקע איז נישט געווען קיין שום מעבל. נישט קיין בעט, נישט קיין טיש און נישט קיין בענקלעך. אויפן ערדענעם דיל זענען געווען אויסגעלייגט פעלן פון שעפּסן. אַרום אַ סאַמאָוואַר האָבן זיך געפּאָרעט צוויי פרויען, אָנגעטאָן אין לאַנגע טונקעלע קליידער מיט טיכלעך אויף די קעפּ, אַראָפּגעלאָזטע טיף איבערן שטערן און פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע. איינע פון די פרויען האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב דעם קאָכנדיקן סאַמאָבוואַר אויף אַ בלעכענער טאַץ. די צווייטע האָט געבראַכט ווייסע פאַיאַנס־טעפּלעך. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ רונדן קרייז אַרום סאַמאָוואַר. צו אונדז האָט זיך צוגעזעצט דער באַלעבאָס. די פרויען זענען געשטאַנען אין אַ זייט. ער האָט אָנגעגאָסן פאַר זיך דאָס ערשטע טעפּל טיי און נאָך אים האָט עס געטאָן יעדער פון אונדז. נאָך דעם האָט איינע פון די פרויען געבראַכט אַ ליימענעם שיסעלע מיט מילך. מיט אַ בלעכענעם לעפל האָט זי צוגעגאָסן איין לעפל מילך אין דריי טעפּעלעך. זי האָט עס געמאַכט אַזוי שנעל און

*פראַגמענט פונעם ניי דערשינענעם בוך א.נ. "נע ונד איבער די שליאַכן פון רוסלאַנד"

געשיקט, נישט פֿאַרגיסנדיק קיין טראָפּן. קיין צוקער איז נישט געווען. די טיי איז געווען מוטנע, זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע מעלה, זי איז געווען הייס און דערוואַרעמט די קישקעס. מיט דער צייט האָבן מיר דערפֿאַרן, אַז אַ סאַמאָוואַר טיי איז אַ בכבודיקער כּיבוד פֿאַר חשובֿע געסט.

מיר זענען אַרויס אין ווייטערדיקן וועג. אין די מיטאָג־שעהען זענען מיר אָנגעקומען אין קאָלכאָז "אוניגע". אין צענטער פֿון דאָרף איז געשטאַנען אַן איינשטאָקיקע געבײַדע. דאָרט איז געווען די שול און די אַדמיניסטראַציע פֿון קאָלכאָז. אַרום דער געבײַדע זענען געווען אַ צענדליק קליינע הײַזקעס, אין וועלכע עס האָבן בעיקר געוווינט די אָנפֿירונג פֿון קאָלכאָז און די לערערס פֿון דער שול.

מ'האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ שולקלאַס. נאָך אונדז זענען אָנגעקומען נאָך צוויי שליטנס מיט עוואַקוירטע. צוזאַמען זענען מיר געווען העכער 20 משפּחות, אַלע ייִדישע, צווישן זיי אייניקע עלטערע מענטשן, ווי אויך פֿרויען מיט קינדער, וועמעס מענער זענען געווען אויף די מלחמה־פֿראָנטן. ס'האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פֿרויען, גענוי ווי די, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט פֿריער. זיי האָבן געבראַכט צוויי קעסלען מיט הייס עסן. דאָס איז ווידער געווען אַ קאַשע פֿון הירזש, אַזאַ ווי מיר האָבן געגעסן אין דער פּרי אין דזשאַניבעק; דאָס מאָל מיט שפּעסנפֿלייש.

בעתן מאָלצײַט איז געקומען דער "פּרעדסעדאַטעל", ד"ה דער פֿאָרזיצער, אין באַגלייטונג פֿון די פּני פֿונעם קאָלכאָז. ער האָט אונדז באַגריסט און געזאָגט, אַז דער קאָלכאָז האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו באַזאָרגן יעדע משפּחה מיט אַ באַזונדערע דירה, וועלן מיר דעריבער מוזן וווינען צוזאַמען, אָפּהענגיק פֿון דער צאָל משפּחה־מיטגלידער. מיר און פֿיניע גרונדמאַן מיט זײַן ווײַב לאה און זייערע ברידער יחזקאל און משה האָבן באַשלאָסן צו וווינען צוזאַמען. מיר האָבן באַקומען אַ הײַזקע מיט איין שטוב פֿון בערך 30 קוו"מ. די מעלה פֿון דער דירה איז געווען דאָס, וואָס אַ חוץ דער שטוב איז געווען אויך אַ שאָפּע, אין וועלכער מיר האָבן געהאַלטן שטרוי צום הייצן. ביים אַרײַנגאַנג איז געווען אַ בודקע, ווי אַ פֿאָדערהויז. געווען איז עס ביז גאָר וויכטיק בעת די שנייזאַווערוכעס, די בוראַנען. אַ בוראַן איז געווען געפֿערלעך און אַפֿילו גורם געווען קרבנות. די בודקע האָט פּאַרמיטן, אַז דער שניי זאָל אַרײַן אין שטוב.

דאָס אייניציקע שטיקל מעבל איז דאָרט געווען אַ לאַנגע באַנק. איך ווייס נישט פֿון וואַנען זי האָט זיך דאָרט גענומען. אין דער הײַזקע איז געווען אַן אויוון, נידעריקער פֿון דער ערד, מיט אַן אײַנגעמויערטן טשוגון־קעסל, אין וועלכן מ'האָט געקאָכט אַלץ. קיין גרויסער אויסוואַל פֿון געקעכטס איז סיי ווי נישט געווען. דאָס עיקר־מאכל איז געווען אַ קאַשע פֿון הירזש, אָדער פֿון ווייץ. אין קעסל האָט מען אויך געקאָכט וואַסער אויף טיי, אויב דאָס איז בכלל געווען טיי, ווי אויך - מילך. ווען מיר האָבן געהאַט מזל און אַ פֿערד אָדער אַ קעמל האָט צעבראָכן אַ פֿוס און מ'האָט זיי געמוזט שעכטן, האָבן מיר אויך באַקומען אַ שטיקל פֿלייש, וואָס מיר האָבן געמוזט קאָכן אין אָט דעם קעסל. דער אויוון איז געווען אָן אַ קוימען. געהייצט האָט מען מיט שטרוי, וואָס האָט שנעל אויסגעברענט, און כּדי אויפֿהאַלטן דאָס פֿײַער האָט עמעץ געמוזט זיצן די גאַנצע צייט אויף דער ערד און דורכן לאָך אונטערן קעסל כּסדר אַרײַנלייגן שטרוי. איין מעלה האָט דער אויוון יאָ געהאַט. דאָס אַש איז געווען ווייס, מ'האָט עס פֿאַרבריט מיט הייס וואַסער און געניצט אָנשטאָט זייף צום וואַשן די וועש.

אויך ברויט האָט מען געבאַקן אין אָט דעם אויוון. דאָס איז נישט געווען קיין ברויט,

נאָר אַ פּלאַטשיק שטיקל טייג, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף אַ סקאָוואָראָדע און אַריינגעשטעלט אין פייער. די באַקומענע לעפּיאָשקעס זענען געווען ענלעך צו פּיטעס, אָבער אָן אַ טעם. בכלל איז דאָס גאַנצע עסן געווען אָן אַ טעם, ווייל במשך פון דעם יאָר, וואָס מיר זענען דאָרט געווען, האָבן מיר נישט געזען פאַר די אויגן אַ ביסל זאַלץ, שוין אָפּגערעדט פון צוקער. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען מיט דער הירזש. מיר האָבן באַקומען אונדזער ״פּאַיאָק״ – אַ שפּייז־נאָרמע אין קערנער פון ווייץ און פּראָסע. מיר האָבן עס געדאַרפט אַליין מאָלן אויף אַ האַנטמיל פון צוויי שטיינער. זיי זענען אָבער געלעגן אויף דער ערד. דאָס דרייען דעם שווערן שטיין אין אַזאַ פּאָזיציע איז אָנגעקומען מיטן טויט. מיטן ווייץ איז געווען אַ האַלבע צרה. דאָס מעל איז אַרויס אַ ביסל גרעבער. ערגער איז געווען מיט דער פּראָסע. מ׳האָט עס געדאַרפט אַזוי מאָלן, אַז די רויטע לוסקעס זאָלן אַוועקפאַלן און די הירזש זאָל אַרויסקומען ריין. איך האָב מקנא געווען די קאַזאַכישע פרויען. בלויז זיי האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. זיי פלעגן אַרויס פאַר דער טיר מיט דער נאָר וואָס געמאָלענער הירזש. זיי האָבן אין אַ זיפּל געוואָרפן די הירזש אין דער לופט, די רויטע לוסקעס זענען אַוועק מיטן ווינט און די הירזש איז אַרויס ריין, ווי גאָלד. ביי אונדז האָבן זיך קודם־כל צעמאָלט די לוסקעס, וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט אָפּרייניקן פון דער הירזש. ווען מיר האָבן געגעסן די קאַשע האָט ממש געשניטן אין בויך, ווי מיט מעסערס.

מיר האָבן אויך באַקומען אַן עמער אויף וואַסער און אַ שיסל צום באָדן זיך און וואַשן די וועש. ווען מיר האָבן געבעטן נאָך אַ שיסל צו וואַשן דאָס געשיר, האָבן זיי אונדז באַטראַכט, ווי מיר וואָלטן געקומען פון אַ צווייטן פּלאַנעט. זיי האָבן זיך געחידושט: צו וואָס דאַרף מען בכלל אַ באַזונדערע שיסל פאַרן געפעס. ווער וואַשט עס בכלל געפעס? געגעסן האָט מען אין ליימענע שיסעלעך. נאָכן עסן האָט די באַלעבאָסטע גענומען דאָס שיסעלע אין האַנט אַריין און מיטן ווייזפינגער געגעבן אַ וויש פון איין זייט, אָפּגעלעקט דעם פינגער מיט דער צונג, געגעבן אַ וויש פון דער צווייטער זייט, ווידער אָפּגעלעקט דעם פינגער און צום סוף אין מיטן. געניי די זעלבע באַוועגונגען האָבן ביי דער מלאכה געמאַכט אַלע קאַזאַכישע פרויען. געטאָן האָבן זיי עס דערביי אַזוי שנעל און געשיקט, אַז דאָס שיסעלע איז געווען ריין, ווי ס׳וואָלט אַרויס פון דער בעסטער וואַשמאַשין.

דער ברונעם האָט זיך געפונען בערך 20 מעטער קעגנאיבער אונדזער הויז. געווען איז עס אַ רונדיקער גרוב פון בערך 6–7 מעטער די טיף, אָפן און אָן וועלכן עס איז צודעק. דעם עמער האָט מען צוגעבונדן צו אַ גראָבן שטריק און אַראָפּגעלאָזט אין ברונעם. ביים אַרויפציִען דעם עמער מיט וואַסער, האָט מען געמוזט שטיין אויפן סאַמע ראַנד פון ברונעם. תמיד האָט זיך אָבער פאַרגאָסן אַ ביסל וואַסער. ווינטער איז דאָס ביסל פאַרגאָסענע וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן און אַרום ברונעם האָט זיך געשאַפן אַ רונדיק אייזבערגל, וואָס איז כסדר געוואָרן העכער. דאָס אָנשעפּן אַן עמער וואַסער איז ממש געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. די וואַסער־טרעגער זענען געווען ביי אונדז די מענער.

בשכנות פון אונדזער הויז האָט זיך געפונען די קוזניע פון קאָלכאָז. אויפן דריטן אָדער פערטן טאָג איז געקומען אונדז באַזוכן דער שמיד. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אַן אוראַלטער הייל. פון קאָפּ ביז די פיס, די הויזן, די קורטקע און דאָס היטל, אַלץ איז געווען פון רויע פעל פון אַ פערד, אָדער פון אַ זשרעבעטשיק. פונעם שטיקל פנים, וואָס מ׳האָט אַרויסגעזען פון אונטער דעם טיף

אַראָפּגערוקטן היטל, מיט ברייטע לאַפּן איבער די אויערן, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי איבערגעשראָקענע אויגן. ווען ער איז אַריין אין שטוב, בין איך גראָד געזעסן אויף דער ערד און מיט די שטיינער געמאָלן דעם ווייץ. זעענדיק עס, האָט ער זיך געכאַפּט מיט די הענט ביים קאָפּ. ער האָט גערעדט קאַזאַכיש געמישט מיט רוסישע ווערטער. דערנענטערנדיק זיך צו מיר, האָט ער געוויזן מיט די הענט, ווי איך דריי די שטיינער, אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן עמער, נערוועז זשעסטיקולירט מיט די הענט. אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון אונדז. נאָך דעם ווי ער האָט זיך עטוואָס באַרויקט און אויף זיין פּנים האָט זיך אַפילו באַוויזן אַ שמייכל, האָבן מיר געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, מער דורך סימנים מיט די הענט, איידער מיט ווערטער. צום סוף האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ טענה צו אונדז הלמאי אונדזערע מענער פירן אויס אַרבעטן, וואָס זענען באַשטימט נאָר פאַר ווייבער, ווי מאָלן תבואה־קערנער, טראָגן וואַסער אד"גל. ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז קעגן דעם קאַזאַכישן שטייגער און אַפילו קעגן דער מוסולמענישער רעליגיע, און אַז ער האָט מורא, מיר זאָלן דערמיט חלילה נישט ברענגען אַ קללה אויפן קאַנצן קאָלכאָז. מיר האָבן אים באַרויקט. מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער צרה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין תוך איז ער אַ גוטער מענטש. פֿיניע האָט אַפילו געאַרבעט ביי אים אין קוזניע. ביזן סוף האָט ער אָבער נישט געקענט באַנעמען אונדזערע משונהדיקע פירעכצן.

מיר אַליין האָבן זיך דווקא יאָ צוגעוווינט צו זייערע מינהגים. מיר האָבן באַקומען זעק און אויפגעגנייט פון זיי דריי שעניקעס, וועלכע מיר האָבן אָנגעפילט מיט שטרוי. דאָס זענען געווען אונדזערע בעטן. די קאַזאַכן אַליין זענען געשלאָפן אויף טעפּעכער און די וויילניקער פאַרמעגלעכע אויף שעפּסנפעלן, אויסגעלייגטע אויף דער ערד. קיין עלעקטריע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס'זענען דאָרט געווען אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן בכלל נישט געוווסט וועגן אַזאַ דערפינדונג. וועגן נאַפּטלעמפּ, אָדער ליכט האָט מען בלויז געקענט חלומען. די איינציקע באַלייכטונג אין שטוב איז געווען אַ קאָפּטילקע. געווען איז עס אַ קליין גלעזל, אין וועלכן מ'האָט אַריינגעגאָסן אַ ביסל נאַפט, אַריינגעשטעלט אין דעם אַ קנויט, געמאַכט פון עפּעס אַ שטיקל שמאַטקע און אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָס האָט געגעבן אויף אַזוי פיל ליכט, אַז ביי נאַכט זאָל מען נישט אַרויפטרעטן איינער אויפן צווייטן. די קאָפּטילקע האָט אויך געדינט איינצוהייצן דעם אויוון, ווייל אַ שוועבעלע איז געווען אויף דער וואָג פון גאָלד. האָט די קאָפּטילקע דעריבער געברענט אַ גאַנצן מעלת־לעת, ווי להבדיל אַ נר־תמיד.

מיר זענען געווען די איינציקע פיר יונגע מענער צווישן די עוואַקוירטע. די אַנדערע זענען געווען עלטערע מענטשן, אָדער פרויען, און פרויען מיט קינדער, וועמעס מענער און טאַטעס זענען געווען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. ווינטער האָט מען נישט געאַרבעט אויף די פעלדער. אָבער פון די ערשטע טעג, ווי נאָר מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָבן מיר אויסגעפירט פאַרשיידענע אַרבעטן אויפן אָרט, בעיקר צו העלפן די עוואַקוירטע פרויען.

דער ווינטער איז געווען אַ ביז גאָר שווערער. די ערשטע קרבנות זענען געווען די קינדער. מיר האָבן זיך נישט אָריענטירט, צי דאָס איז אַן עפּידעמיע, אָדער אַ רעזולטאַט פון די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. קיין דאָקטער און קיין שום אַנדערע מעדיצינישע

הילף איז נישט געווען. די צאָל טויטפֿאַלן צווישן די קינדער האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד. די קאַזאַכן זענען געווען מוסולמענער. זיי האָבן נישט מסכּים געווען קובר צו זיין די אַנדערש גלויביקע טויטע אויף זייער צווינטער, הגם זיי האָבן דאָס בפּירוש נישט געזאָגט. האָבן זיי דעריבער באַשטימט דערויף אַ שטיקל פּלאַץ, דווקא צווישן די הייזקעס ווו מיר האָבן געוווינט. גאָר שנעל האָט זיך עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ בית־עלמין.

דאָס שרעקלעכסטע זענען געווען די בוראַנען, די שטורמישע שניי־זאַוויערוכעס האָבן טייל מאָל געדויערט עטלעכע מעת־לעת. די אָרטיקע מענטשן האָבן אינסטינקטיוו געפֿילט, ווען דער בוראַן דערנעטערט זיך. די שכנים פּלעגן דאַן קומען צו לויפֿן און אונדז וואָרענען, מיר זאָלן נישט וואַגן אַרויסצוגיין אַפֿילו אַ טריט פֿאַר דער טיר. מיר וועלן נישט זען ווו צוריקצוקומען און מאָמענטאַל פֿאַרשיט ווערן מיט שניי און פֿאַרפֿרוירן ווערן. זיי האָבן דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז ס'זענען שוין דאָרט געווען אַזעלכע טויטפֿאַלן.

אין דעצעמבער, בערך אַ חודש נאָך דעם, ווי מיר זענען געקומען אַהין, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן בוראַן. ער האָט געדויערט קרוב דריי מעת־לעת. דער שטורעמווינט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן געציטערט ער זאָל נישט אָוועקרייסן אונדזער הייזקע. אפֿשר איז עס נישט געשען, ווייל דער שניי האָט פֿאַרשיט די גאַנצע הייזקע הויך איבערן דאַך. קיין זייגער האָבן מיר נישט געהאַט, און במשך פֿון דער גאַנצער צייט האָבן מיר נישט געוווּסט, צי ס'איז טאָג אָדער נאַכט. ווען דער בוראַן האָט אויפֿגעהערט איז געווען שווער צו עפֿענען די טיר. זי איז געווען הויך פֿאַרשיט מיט שניי. מיר האָבן זיך לאַנג געמאַטערט ביז מיר האָבן באַוויזן צו עפֿענען אַ שפּאַרע, כּדי קענען מיט דער לאָפּאַטע אויסגראָבן אין שניי אַ וועג אַרויסצוגיין. מיר זענען געווען אפֿשר די איינציקע פֿון צווישן די עוואַקוירטע, וועלכע האָבן באַוויזן אַליין זיך אַרויסצובאַקומען פֿון דעם באַרג שניי.

מיר זענען דאַן אַוועק העלפֿן אַנדערע. אונדזערע נאָענטסטע שכנים זענען געווען צוויי פּרויען, איינע פֿון זיי מיט אַ קינד. ווען מיר האָבן זיי אויפֿגעקאָפּעט, האָט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. ביידע זענען געווען אין אַ צושטאַנד פֿון חלשות. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אויף דער פֿרישער לופֿט, האָבן זיי זיך ווי אויפֿגעוועקט פֿון אַ לעטאַרגישן שלאָף. זיי האָבן דערציילט, אַז אין דער ערשטער נאַכט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בוראַן איז דאָס קינד ביי זיי געשטאָרבן. זיי זענען די גאַנצע צייט געזעסן אין דער פֿאַרשיטער, פֿינצטערער הייזקע מיט אַ טויט קינד. זיי האָבן פּונקט ווי מיר נישט געוווּסט ווען ס'איז טאָג אָדער נאַכט, און ווי לאַנג דער בוראַן דויערט. מיר האָבן זיי קודם־כּל געבערענגט וואַסער און אַוועק אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון קאָלכאָז בעטן הילף ביים ברענגען צו קבורה דאָס קינד. מיר אַליין זענען נישט געווען בכּוח אויסצוגראָבן אַ קבר אין די הויכע בערג שניי.

---

אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערב־שטאַטן פֿון אַמעריקע

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# אײדע מאַזע

(1893-1962)

אײדע מאַזע, פֿון מאָנטרעאָל,
איר האַרץ געװען איז אָפֿן
צו אַלע געשלאָגן - און צעטראָטענע,
ניי־געקומענע פֿון אײראָפּעס
מוראדיקע ברעגן,
קוים אַנטרונענע מיטן נאַקעטן לעבן.

באַזונדערס האָט זי געמוטערט
דאָס אײנגעבראָכענע געמיט
פֿון די אײנצל אַהער־געקומענע
יידישע פּאָעטן,
דערשיטערטע, אויסגעברענטע
יונגעלײט
נאָך אין זײערע דרײסיקער.
זי האָט זײ אויסגעזוכט,
געפֿונען װוינונגען, אַרבעטספּלעצער,
איר ענגע הײם אויך עספּלנייד עווענױ
איז אָפֿן שטענדיק געװען פֿאַר זײ.

אַזױ געדענק איך זי -
דער רונדער קאָפּ געבויגן אָן אַ זײט,
אויגן גרויסע, טיף און װאַרעמע
פֿול מיט רחמים און מיט מיטלײד,
דאָס פּנים אָפֿן, גרייט יעדן
אויסצוהערן.

זי איז געװען די הייבאַם
פֿון מײנע ערשטע לידער־זאַמלונגען -
געזאַנגען פֿון היימוויי, צער און
טרייסט.
כ'הער נאָך איצטער איר שעפּטשען,
נערעוודיק און צוױילנדיק
קריק צום לעבן און צו שאַפֿן.
אַ טורעם פֿון שטאַרקייט פֿאַר
אַנדערע,
װער אָבער איז געװען צו טרייסטן
אין איר פּלוצימדיקער בראָך?

װען אליהו,
איר גוטער מאַן און שפּײזער,
איז אַװעקגעפֿאַלן אונטערװעגנס
(געװען אַלע יאָרן אַ רייזנדער סוחר).
איר שטאַרקייט האָט איר דעמאָלט
פֿאַרלאָזן
אין לײדיקן, פֿאַריתומטן הויז.

געזען צום לעצטן מאָל כ'האָב זי
אויפֿן קראַנקנבעט, אין שפּיטאָל.
זי האָט קוים־קוים זיך אויפֿגעהויבן
און קריקגעפֿאַלן, מיט פֿאַרגלײזטע
אויגן,
איר פּנים אויסגעפּײנט, בלוטלאָז.
אײנגעבויגן איבער איר
האָב איך קוים פֿאַרנומען
איר פֿאַמעלעך שעפּטשען מײן נאָמען.

אַזױ פֿיל יאָרן שוין פֿאַרבײ
זינט דעמאָלט,
אָבער די ליבשאַפֿט־קערנער
שפּראָצן, גרינען נאָך אין הערצער,
װאָס זי האָט מיט יאָרן קריק פֿאַרזײט.

יאַנואַר 1998

פיניע פלאָטקין

# אין פולן בלי

## צום 50־יאָריקן יובל פון מדינת ישראל

איך לויב דאָס לאַנד פון שיינע אינדערפריען,
פון מזל־ברכהדיקע רעגנס, פון גוטס און גאָב
די ערטער, וווּ ראָמאַשקעס יונגע בליען,
די שעפערישע מי פון אונדזער פאָלק,
וווּ ס׳שטייען אויף אין בליונג נייע סעדער
וווּ דאָ און דאָרט דער הימל ריינער ווערט...
איך לויב די פרויען יידישע און מענער,
וואָס שטייען אויף דער אומרויעקר ערד.
זיי וויסן ווי איעדער שפאַן באַזונדער
פאַרטיידיקן מע דאַרף, פאַרטיידיקן מע מוז.
אַלמעכטיקער, בלייב באַרעמהאַרציק, האַלט זיי אונטער
מיט אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט אין דיין רשות!
אָ, גיב זיי כוחות, בירגערמוט ווי דעמאָלט,
ווען זיי האָבן געניטיקט זיך אין דיין הילף!

- - - - - - - - - - - -

ניט די לבנה אומבאַמערקזאַם דרעמלט
הויך, אויף אַ טייטלבוים, אין תל־אביב,
ווען אַרום אים אַ ווינט ניט שטיל, ניט האַסטיק,
ווי נאָך אַ גוטן כיבוד טאַנצט און שפּרינגט.

- - - - - - - - - - - -

איך וועל אַוועקשטעלן זיך צווישן די ראָמאַשקעס
און הערן ווי ניט אומעטיק ער זינגט.

מאַי 1998. לאָס אַנדזשעלעס

# מיט אַ ביכעלע

# פּושקינס לידער

איך געדענק: אין מלחמה, לעם רזשעוו, אין אַ ישוב אַן אַלטן
האָב איך, מיט חברים, אויף עטלעכע שעה זיך פאַרהאַלטן.
אַ שניי האָט די סטעזשקעס פאַרשאָטן, אַ רויכל אַ ווייסער
האָט לאַנגזאַם געגליטשט זיך, ווי אייז, לעם די נידריקע הייזער.
אַן אַלטער ט׳געוווינט אין אַ שטיבל, וווּ איך בין אַריין גלאַט אַזוי זיך -
ניט ווייט פון אַלטמאָדישן טיש, אויבנאָן, האָט פּושקינס פּאָרטרעט אויסגעטיילט זיך.
פון דרויסן אַ ווינט האָט געקלאַפּט אין די פענצטער ניט האַסטיק, עלנט
און לאַנגזאַם געהוידעט די יאָלקע־באַפּוצונגען הויך, ביז דער סטעליע.
דער אַלטער האָט לאַנג ניט גערעדט, וואָס לעבן די פענצטער איז פּראָסטיק -
ס׳ווייזט אויס: די מלחמה ניט ווייניק געזונט האָט געקאָסט אים -
אין האַלדז ווי אַ ביינדל געשטאַנען, געשטאָכן, געקימערט...

- - - - - - - - - - - -

מיר האָבן זיך באַלד איינגעאָרדנט אין איינעם אַ צימער
און זודיקע טיי מיט הנאה אָן צוקער געטרונקען.
דערנאָך האָט ער פאַרגעלייגט מיר כ׳זאָל אַרומגיין
און גוט מיט די אַרבעטן זיינע אַצינד זיך באַקענען.
אין שיין פון אַ לעמפל אַ קליינעם, כמעט אין דער פינצטער
פון צימער צו צימער מיט מיר איז געגאַנגען דער קינסטלער.

- - - - - - - - - - - -

ער האָט מיר געשענקט, פאַר אַוועקגאַנג, צוויי נייע געמעלן
און פושקינס אַ ביכעלע לידער מיט טאָוועלעך העלע.
דאָס ביכעלע האָב איך געהיט ווי פון אויג דעם שוואַרצאַפּל,
עס זאָל זיך, חלילה, אין הענט אין דעם שונאס ניט פּאַקן.
עס האָט מיך פון אומקום געהיט אין די בלוטיקע שלאַכטן
אין רוסלאַנד, אין ליטע און פוילן, גופא אין דייטשלאַנד.
און דאַן, ווען אַ שפּליטער ט׳צעריסן די טאָוולען, די בלעטער,
דעם זעקל, וווּ איך האָב מיין אייגנס געהאַלטן, צעשמעטערט,
האָב איך זיך צעוויינען געוואָלט, זיך צעשרייען -
אַזוי איז דאָס ביכעלע פושקינס געוועזן מיר טייער.

## ווידמונג

### חיים גורעוויטשן

עס גלויבט זיך ניט, חיים, וואָס מיר זיינען זיכער פאַראַנען,
וואָס מיר זיינען אומענדליך ווייט פון היינטצייטיקן מינסק.

- - - - - - - - -

איך בין אויף דעם הייליקן באַרג עווערעסט ניט געשטאַנען -
איך ווייס ניט, אַפילו, ביז היינטיקן טאָג ווו ער איז.
איך האָב אָן באַדערפעניש ווייט אינדערהויך ניט געקלעטערט,
כ׳האָב אונטער דער זון, אויף דער ערד, גרויסע געלט ניט פאַרדינט.
באַצי זיך צו מיר, ווי צו דיינעם אַ חבר, אויך שפּעטער -
אָן דיר וואָלט מיין ליד ניט געקלונגען אַזוי ווי אַצינד.
דו געדענקסט, ווי נאָך דער מלחמה מיר פלעגן אַרומגיין
און קרובים געפינען, און זען וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט?

- - - - - - - -

כ׳וואָלט גערן, אָן רייד, אויף דער שוועל פונעם נייעם יאָרהונדערט,
באַגעגענען דעם אינדערפרי צוזאַמען מיט דיר.
מיך פרייט אָן אַ שיעור, וואָס מיר זיינען זיכער פאַראַנען
און האַלטן זיך, פונקט ווי מיט יאָרן צוריק, פאַר די הענט...

- - - - - - - - - - - -

איך בין אויף דעם הייליקן באַרג עווערעסט ניט געשטאַנען -
איך האָב אים, אַפילו, ביז היינט אין קינאָ ניט געזען.

יוני 1998

משה וואָלף

# דער ערשטער 50־יאָריקער יובל פון מדינת ישראל*

"וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור
בארץ לכל יושביה. יובל הוא תהיה לכם".
(ויקרא, בהר סיני, כ"ה י')
"און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר
און אויסרופן אַ פריילאָזונג אין לאַנד פאַר
אַלע אירע איינוווינער" (יידיש פון יהואש)

## א.

פון די אוראַלטע צייטן האָבן יידן איין מאָל אין 50 יאָר געפּראַוועט יובל. דאָס וואָרט "יובל" און זייט באַטייט האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַריינגעפירט משה רבנו. און פון דער דאָזיקער גרוי־אַלטער תקופה באַזירט זיך דער יום־טוב־יובל אויף דריי ביז גאָר וויכטיקע הומאַנע יסודות:

ערשטנס - רו. רו, ניט נאָר פאַר דעם מענטש, נאָר אויך פאַר דער חיה און אַפילו פאַר דער ערד;

צווייטנס - "יובל" באַטייט פרייהייט - "דרור". פרייהייט ניט נאָר פאַר דעם אזרח, נאָר אויך פאַר דעם גר, פאַר אַלע איינוווינער פונעם לאַנד, "לכל יושביה";

און דריטנס - שלום (וישבתם על הארץ לבטח" - "איר זאָלט זיצן אויף אייער לאַנד אין זיכערקייט" - ויקרא, כ"ה, י"ח) - שלום. זיכערקייט, ניט נאָר פאַר דעם פאָלק ישראל, נאָר "ועל המדינות בו יאָמר" - אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער; שלום פאַר אַלע; אי פאַר דעם וואָלף, אי פאַר דעם כבש - פאַר דעם שעפּסל און אויך פאַר דעם יינגעלע, פאַר דעם נער קטן, וואָס פיטערט זיי.

ס'איז אָבער אויך באַוווסט, אַז דער דראַנג נאָך שלום, פרידן און זיכערקייט האָט זיך ביי יידן אָנגעהויבן אַ סך פריער. ער האָט זיך אָנגעהויבן פון אברהם אבינו'ס "לך לך מאַרצך ומולדתך" - פון אַ שווערן לאַנגדויערנדיקן וואַנדערוועג, וועלכער האָט זיך געצויגן און געפּלאָנטערט דורך מצרים און מדבריות, דורך בבל און רוים. דורך אַשכנז, פראַנקרייך און שפּאַניע. דורך פּשיטיק, אָשוויענצים, מיידאַנעק, קעלצער פּאָגראָמען און גרויס־פּוילן.

און אומעטום, און שטענדיק האָט דער טראַגישער "לך לך" זיך געפּאָרט מיט דער האַרבער קשיא - "לאָן"? "וווהין זאָל איך גיין"? מיט מענדעלע מוכר ספרים'ס בנימין השלישיס בלע"ז־פראַגע - "טשי ניע זנאַיעש טשאָלאָוויטשע הדע טוט דאָראָגאַ נאַ פּאַלעסטינו?" - און מיט שלום־עליכמס טביהס לעצטן אויסגעשריי - "ווייטער טביה, ווייטער טביה!"

און די געציילטע, על פּי־נס פון פייער ניצול געוואָרענע "האָלאָוועשקעס", האָט מען ניט געלאָזט זיך אומקערן אַהיים. און די, וואָס האָבן פּאָרט געוואַגט זיך אומקערן צו די חורבות און ברידער־קברים, האָט מען ווייטער געיאָגט. די טויערן פון אַלע מדינות אין דער וועלט זענען פאַר די פּליטים געווען הערמעטיש געשלאָסן. די יידן פון די "די

*המשך פונעם אַרטיקל "מיין חלום און די וואָר פון ישראל" זע "חשבון" נומ. 131, זז' 4־17.

פֿיי״לאַגערן האָבן נישט געהאַט קיין אָרט וווהין צו קומען און צוריק אויפֿבויען זייערע חרוב־געוואָרענע היימען. יידן האָבן געבלאָנדזשעט אויף די ימען, און אָנגעלאָדענע מיט פּיין און מיט די רויכן פֿון זייערע דערשטיקטע אין די גאַזקאַמערן נאָענטע און ליבע, מיט זייערע אָנזאָגן און מיט זייערע חלומות, האָבן זיי מיט דער הילף פֿון דער הגנה און פֿון אַנדערע שוץ־אָרגאַניזאַציעס, זיך דערקליבן צום היסטאָרישן היימלאַנד. און דאָרטן, צוזאַמען מיט דעם מתי־מעט פֿון די פֿריער געקומענע (פֿון דעם ישוב), האָבן זיי דערקלערט פֿאַר דער נאָך אַלץ האַלב־טויבער וועלט, אַז ס׳איז געקומען אַ סוף צום ״לך לך״ און צום ״ווייטער, ווייטער טביה״ - ס׳איז שוין ניטאָ וווהין ווייטער צו גיין - און זיי האָבן מכריז געווען:

״מיר וועלן פֿון אָרט זיך ניט רירן,
מיר וועלן פֿון דאַנען ניט גיין,
איר זאָלט אונדז אַפֿילו ניט לאָזן
אַ שטיין אויף אַ שטיין! -
אַזוי האָבן יונגע, אַזוי האָבן אַלטע באַשלאָסן״ (...)
״מיר זאָלן פֿון אָרט זיך ניט רירן,
מיר זאָלן פֿון דאַנען ניט גיין״ (״מיר״, יוסף פּאַפּערניקאָוו)

און די אומות העולם, אונדזערע ביז גאָר ווייניקע פֿריינד און אַ סך מערערע אומפֿריינד - האָבן געמוזט מסכים זיין. דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 האָבן די ״פֿאַראייניקטע פֿעלקער״ אָנגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס, אַז ארץ ישראל זאָל צעטיילט ווערן און עס זאָלן געשאַפֿן ווערן צוויי מלוכות - אַ יידישע, וואָס זאָל אַריינגעמען דעם גרעסטן טייל ברעג פֿון מיטללענדישן ים: דעם עמק יזרעאל, מזרח גליל און דעם נגב; און אַן אַראַבישע מלוכה, וואָס זאָל אַריינעמען דעם אַנדערן טייל פֿון פּאַלעסטינע. די יידן האָבן בעל כרחו זיך אונטערגעוואָרפֿן דעם באַשלוס, כאָטש על־פּי יושר און אויפֿן סמך פֿון היסטאָרישע יסודות, האָבן זיי געפֿאָדערט, אַז אַלע אַנדערע טעריטאָריעס זאָלן געהערן צו ישראל; די אַראַבישע מלוכות און די פּאַלעסטינער טעראָריסטן האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם באַשלוס און זיך פֿאַרפּליכטעט אויסהרגענען די יידן און אַריינוואַרפֿן זיי אין ים אַריין.

און דאָך, דעם 14־טן מאַי, האָט ענגלאַנד אויפֿגעגעבן דעם מאַנדאַט און האָט פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד. און אין דער זעלבער שעה, ווען די ענגלישע מלוכה האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם מאַנדאַט, אין ה׳ אייר תש״ח (וואָס איז דעמלט אויסגעפֿאַלן דעם 14 מאַי 1948) האָט איינער פֿון די עלטסטע מנהיגים פֿון דעם ישוב, דוד בן־גוריון, פֿאַרעפֿנטלעכט די ישראל־אומאָפּהענגיקייט דעקלעראַציע, אין וועלכער צווישן אַנדערע זענען פֿאַרשריבן אירע וויכטיקסטע פּרינציפּן:

*״מדינת ישראל וועט זיין אָפֿן פֿאַר אַלע יידישע עמיגראַנטן און וועט צונויפֿנעמען יידן פֿון אומעטום. זי וועט אַנטוויקלען דאָס לאַנד לטובת אַלע אירע איינוווינער. זי וועט זיין געבויט אויף יסודות פֿון פֿרייהייט, פֿון גערעכטיקייט און שלום, לויט די זעונגען פֿון די נביאים אין ישראל. זי וועט אויפֿהאַלטן פֿולע און גלייכע געזעלשאַפֿטלעכע און מלוכהשע רעכט פֿאַר אַלע אירע איינוווינער, אָן אונטערשיד פֿון גלויבן, פֿון שפּראַך, פֿון דערציונג און קלטור. זי וועט אָפּהיטן אַלע ערטער וואָס זענען הייליק פֿאַר אַלע גלויבנס. זי וועט זיין געטריי די פּרינציפּן פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער״.*

און פֿאַר דער גאַנצער וועלט און פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָ אויף דעם שטיקל אוראַלטער יידישער ערד, הויבט זיך אָן אַ נייער עטאַפּ - דער ווידערויפֿלעב פֿון מדינת ישראל - אַ מדינה, וואָס וועט צונויפֿנעמען אַלע געטריבענע און געפּלאָגטע יידן. אַלע וואָס זענען גרייט זי בויען און באַשיצן.

און פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַפּילו פֿאַר די אומגלויביקע, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ נס מן השמים. אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי. אָבער ווי מיר פֿאַרשטייען, נסים טוען זיך ניט על השמים, נאָר אויף אונדזער זינדיקער ערד. און די נסים, באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, שאַפֿן מענטשן.

דער נס פֿון תקומת ישראל איז געשען ניט ווייל מיר זענען פֿון גאָט אַן "אַתה בחרתנו" פֿאָלק. דאָס לעבן, דער גאַנצער גאַנג פֿון דער מענטשלעכער היסטאָריע האָט אונדז "אויסגעקליבן". דאָס שאַפֿן פֿאַר יידן אַ סוווערענע מלוכה איז געווען ניט אַ פּאָליטיש אָדער אַ נאַציאָנאַל געשעעניש. דאָס איז געווען אַ דערשיינונג, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די גאַנצע מענטשהייט. דעם ניוואָ פֿון איר אינטעלעקט. פֿון איר טאָלעראַנץ, פֿון איר פֿעיקייט צו טראַכטן און אָפּשאַצן די סיטואַציע און אָננעמען באַשלוסן, וועלכע זענען אַן אָפּשפּיגלונג פֿון געדאַנקען און געפֿילן און נישט פֿון נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אַמביציעס. דאָס שאַפֿן פֿון מדינת ישראל האָט כאַראַקטעריזירט דעם ווילן פֿון אַ סך מלוכות אין דער "אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס" צו ליקווידירן די דורות-לאַנגע אומגערעכטיקייט בנוגע דעם יידישן פֿאָלק. ווייל דער "האָלאָקאָסט" איז געווען דער גרויסער חטא פֿון די פֿעלקער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אומקום פֿון אייראָפּעישן יידנטום און אויך פֿון די, וועלכע האָבן שטום געשוויגן בעת דעם גרויסן יידישן חורבן.

נאָך יענעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען בן-גוריון האָט געגעבן צו וויסן דער וועלט, אַז עם ישראל חי און האָט באַשאַפֿן איר אייגענע מדינה זענען שוין פֿאַרלאָפֿן 49 יאָר און ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס פֿופֿציקסטע, דאָס יאָר פֿון יובל.

## ב.

"שם שם לו חוק ומשפט ושם נסהו"

(שמות, בשלח, ט"ו, כ"ה)

"דאָרט האט ער זיי געמאַכט חוקים און געזעצן

און דאָרטן האָט ער זיי געפּרוווט" (יידיש פֿון יהואָשן)

און טאַקע אין דער אייגענער שעה און מינוטן, ווען בן גוריון האָט געלייענט די "חוקים און געזעצן" פֿון דער ישראל-אומאָפּהענגיקייט-דעקלאַראַציע, האָבן זיך אָנגעהויבן די אויספּרוווּנגען פֿון דער נאָרוואָס געבוירענער און ניט באַוואָפֿנטער ישראל-מדינה.

אין מאַי 1948 איז ישראל געווען בלויז אַ קליינער ישוב פֿון 650 טויזנט נפשות זייער עקזיסטענץ איז געהאָנגען אויף אַ האָר. פֿינף אַראַבישע מלוכות - עגיפּטן, ירדן, סיריע, איראַק און לבנון האָבן אַריינגעשיקט זייערע באַוואָפֿנטע אַרמייען קיין ישראל און אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די יידן אין לאַנד. די בלוטיקע קאַמפֿן פֿון דער קליינער צאָל יידישע קעמפֿער קעגן די באַוואָפֿנטע אַראַבער האָבן געדויערט אַ גאַנץ יאָר, בעת וועלכן די יידן האָבן אַרויסגעוויזן גבורה און העלדישקייט.

און עס האָט געטראָפן ווידער אַ "נס" און אַ ווונדער, ווי אויך אַלע אַנדערע "נסים ונפלאות" פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן. וואָס חזרן זיך איבער פון צייט צו צייט און באַגלייטן דאָס יידישע פאָלק אין ישראל עד היום.

אין תוך האָט ישראל ניט געהאַט קיין איין רויק יאָר. די 50 אָפּגעלאָפּענע יאָרן זענען 50 יאָר פון מלחמה פאַר "וישבתם על הארץ לבטח" - פאַר זיכערהייט. די אַראַבער האָבן ניט געוואָלט (און ווילן ניט אויך היינט) שלום מאַכן מיט דעם קיום פון דער יידישער מדינה און פירן כסדרדיקע מלחמות מיט דעם יידישן לאַנד. פינף מלחמות זענען געווען אַרויפגעצווונגען אויף מדינת ישראל זינט איר אַנטשטיונג: נאָכן זעלבשטענדיקייט־קריג איז אויסגעבראָכן די סיני־מלחמה, אין 1956; דערנאָך די זעקסטאָגיקע מלחמה אין 1967, און באַלד נאָך איר - די אויסמאַטערונג־מלחמה, וואָס האָט זיך געצויגן 16 חדשים אין 1969/70. די פינפטע און אינטענסיווסטע מלחמה איז געווען די יום־כפור־מלחמה, אין אָקטאָבער, 1973. אין די אַלע (5) מלחמות האָט מדינת ישראל געזיגט. אין 1979 איז געקומען צו אַ שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן, וואָס דויערט עד היום.

אין 1948 איז ישראל געווען זייער אָרעם. ישראלס עקאָנאָמיק איז געווען "אויף געהאַקטע צרות", זי האָט ניט געהאַט ניט קיין אינדוסטריע און נישט קיין שום אינפראַסטרוקטור־צווייגן. דער בילדונגס־ניוואָ און דער געזונטהייט־ניוואָ זענען געווען זייער נידעריק (אויב ניט די נידעריקסטע צווישן די דעמאָקראַטישע מלוכות).

צו דעם 50־יאָריקן יובל האָט די באַפעלקערונג פון ישראל דערגרייכט 5 מיליאָן און 940 טויזנט נפשות. צווישן זיי - בלי עין הרע 80% - 4 מיליאָן 800 טויזנט יידן. נאָר פאַר דעם לעצטן 1997 יאָר איז די ישראלדיקע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן אויף 2.4% (אין אייראָפּע איז פאַר דער דאָזיקער צייט קיין צוווקס פון דער באַפעלקערונג ניט געווען. אין צפון־אַמעריקע איז זי געווען ווייניקער פון 1 פראָצענט). 43 פראָצענט פון די ניי־געבוירענע זענען קינדער פון עולים.

די געבראַכטע אָנגעאַבן געהערן אויך צו די נסים ונפלאות פון ישראל.

די ישראל אינדוסטריע איז איצט איינע פון די סאַמע אַנטוויקלטסטע אין דער וועלט. די ישראל אַגריקולטור האָט נישט קיין גלייכן. אין דער עלעקטראָניק געפינט זיך ישראל אין די ערשטע רייען. ענלעך אין מעדיצין און אין אַנדערע געביטן. אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט פאַרנעמט ישראל אַ ביז גאָר חשוב אָרט. די ישראל אוניווערסיטעטן און די הויכשולן זענען אָנערקענט אין דער ברייטער וועלט.

ישראל פאַרמאָגט אַ בליענדיקע דרוקער־אינדוסטריע, מיט די מאָדערנסטע עלעקטראָנישע איינריכטונגען. אין לאַנד פונקציאָנירן 180 (!) פאַרלאַגן. ס'ווערן געדרוקט הונדערטער נייע ביכער אַ יאָר. אין 1986-1987 זענען פאַרשפּרייט געוואָרן העכער 13 מיליאָן קאָפּיעס פון 4,822 ביכער. ("נייע ענציקלאָפּעדיע פון ציוניזם אין ישראל", ז. 1077).

ס'איז ניט קיין סוד, אַז די ישראל אַרמיי איז די שטאַרקסטע אַרמיי אינעם מיטלען מזרח, און אַז זי האָט די געהעריקע מיטלען צו באַשיצן דאָס לאַנד פון יעטוועדע אַגרעסיע. נאָך דער יום־כפור־מלחמה, מחמת די גרויסע פאַרלוסטן, האָט די אַרמיי געמוזט פאַרטאָפּלען די צאָל טאַנקיסטן, די צאָל פריוויליקע פאַר די פאַראַשוט־אָפּטיילונגען, פאַרן לופט־פלאָט און ים־פלאָט און פאַרן אויסשפּיר־דינסט. ישראל האָט דערפונדן אַן אויסשפּיר־עראָפּלאַן וואָס פליט אָן אַ פּילאָט און ליפערט צום מיליטערשין שטאַב וואָרהאַפטיקע אינפאָרמאַציעס.

ניט געקוקט אויף די אַלע ווונדערלעכע דערגרייכונגען האָט ישראל זיך קיינמאָל ניט באַרימט מיט אירע העלדישע זעלנער - יינגלעך און מיידלעך, אָבער דיווירקלעכקייט איז אַזאַ, אַז מדינת ישראל מוז האָבן מיטלען און כוחות צו קעמפן מיט מוט און גבורה, און גלייכצייטיק זיין גרייט פאַר שלום-באַציִנגען מיט די אַראַבישע שכנים.

בלי ספק, אין די 50 יאָר זענען אויפגעטאָן געוואָרן ווונדער און דאָס גיט רעכט אין די טעג פון יובל זיך פרייען. אָבער טעג פון שמחה, זענען ביי יידן אויך טעג פון חשבון הנפש. ישראל דאַרף די טעג גוט טראַכטן און מאַכן דעם שטרענגן חשבון הנפש, ווו זי האַלט אין דער וועלט מיט דעם עקר - מיט די הויפט יובל-פּרינציפּן: מיט שלום און מיט קאָלעקטיווער און פּערזענלעכער זיכערהייט, צוליב וועלכע דאָס יידישע פאָלק - סיי אין לאַנד, סיי אין די תפוצות - האָט געצאָלט במשך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן אַ ביז גאָר הויכן פּרייז - מי, הויכע שטייערן, בלוט און צענדליקער טויזנטער געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע קרבנות.

און פון דעם דאָזיקן פּאַקט הויבן זיך אָן אונדזערע פּיינלעכע פּראָבלעמען און פראַגעס און אַנטטוישונגען.

ג.

צום סוף פון מיין באַזוך אין ישראל האָט מיין קוזינע געמאַכט לכבוד מיר אַן אויפנאַמע. אַרום דעם סאַרווירטן טיש האָבן זיך צונויפגעקליבן מער פון דרייסיק פאַרשוין: מיין קוזינע מרים מיט איר מאַן זוליען (ביידע ותיקים, אַמאָליקע חלוצים, אָנגעקומענע אין לאַנד אין די 30-ער יאָרן); זייערע 3 קינדער מיט זייערע 2 מענער און פרוי; 10 אייניקלעך (3 פון זיי חתונה-געהאַטע, מיט זייערע מענער), צווישן זיי 2 מיידעלעך - זעלנער (טאַנקיסטינס) און אַפילו 1 אוראייניקל - אַלע סאַברעס, געבוירענע אין לאַנד. די אַנדערע - נאָענטע פריינד און באַקאַנטע ישראלים. געקומען זענען זיי זיך געזעגענען מיט מיר, און דער עקר - "אויספאָרשן" מיינע איינדרוקן, מיינע געפילן און מיינונגען פון דעם "געזעענעם און געהערטן" אין לאַנד.

עס האָט זיך, אָבער אויסגעלאָזט, אַז ניט איך בין געווען דער "רעדנער". קודם כל דערפאַר, ווייל איידער איך האָב געפּרוווט דערפירן מיינע איינגעהאַלטענע און ניט זיכערע מיינונגען צו אַ סוף, האָבן דאָס געטון פאַר מיר די אַנדערע. ("וואָס ווילט איר פון אים? - ער איז דאָך אין גאַנצן געווען אין לאַנד 1 חודש און "גאַלאָפּאַם פּאָ יעוראָפּאַם" - האָט מיך פאַרטיידיקט מיין קוזינע, מרים). און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין מיינונג און געזאָגט דאָס פאַרקערטע. דערפאַר טאַקע איז דער דאָזיקער אָוונט געווען פאַר מיר (אַ מינאַטור פון אַ "כנסת-דיסקוסיע") איינער פון די אינטערעסאַנטסטע. ער האָט אויפגעדעקט די פּראָבלעמען, די שוועריקייטן און, לויט מיין מיינונג, די אומגערעכטיקייטן, וועלכע שוואַכן אָפּ די דערגרייכונגען און רופן אַרויס אומרו אין לאַנד.

אַלע ישראל-פּראָבלעמען קאָן מען באַדינגלעך צעטיילן אויף אינערלעכע און אויסערלעכע. אין אַ סך פאַלן איז זייער אונטערשייד אַ באַשיימפּערלעכער, אין אַנדערע - איז ער נישט קיין קלאָרער און נישט שטענדיק אַ בפירושדיקער.

דאָס ערשטע, וואָס "וואַרפט זיך אין די אויגן" איז דער אונטערשייד צווישן דעם אַלטן דור, צווישן די וועטעראַנען און די ניי-אָנגעקומענע עולים, פון איין זייט, און פון די סאַברעס (אין ישראל געבוירענע), פון דער צווייטער. די לעצטע טיילן זיך אויס מיט אַלץ: אַפילו מיט זייער פיזישן אויסזע און מיט זייער פּסיכאָלאָגיע: הויכע, ברייטפּלייציקע, הדרת-פּנימדיקע יונגען; שלאַנקע, אויסגעטאָקטע מלא-חנעוודיקע

יפּיפיותדיקע מיידלעך. אַ גרויסן רושם לאָזט איבער זייער התנהגות: פולשטענדיק זיכערע גרינגע, פּשוטע און מיט איינגעבוירענער ווירדע. זיי טיילן זיך אויס אויך מיט זייער מענטאַליטעט, פאַרשיידענער באַציונג צום לעבן, מיט זייערע פאָרשטעלונגען וועגן דער צוקונפט פון לאַנד און פון זיין אַנטוויקלונג... דאָס רוב פון זיי זענען פריידענקענדיקע, ווילן ניט וויסן פון אונדזער פאַרגאַנגענעם גלות און פון דער רייכער יידישער טויזנט־יעריקער גייסטיקער ירושה, געשאַפענע אין גלות. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן פאַר זיי שפּינאָזע, און איינשטיין, היינע אָדער קאַפקאַ? - שלום אַש, שאַגאַל, מאָדיליאַני אָדער טווּים?

אפילו מענדעלע מוכר ספרים, י.ל. פּרץ, און שלום־עליכם און אַפילו ח.נ. ביאַליק האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער רום און פּאָפּולאַריטעט.

אָט דאָס, וואָס ס'איז באַשאַפן געוואָרן אין לאַנד, דאָס יאָ! דאָס ווייסן זיי און נאָר דאָס איז פאַר זיי וויכטיק, און אומזיסט וועט איר פּטרן צייט זיי צו איבערציייגן, אַז אָן דעם, וואָס ס'האָט באַשאַפן און פאַרהיט דער גלות, וואָלט היינט ניט געווען די יידישע מדינה און אַפילו דאָס יידישע פאָלק.

אין ישראל ווערט די יוגנט רייף פאַר דער צייט. די יוגנט אין ישראל איז ניט צעבאַלעוועט מיט פּריווילעגיעס. די איינציקע פּריווילעגיע, וואָס זי האָט, איז גלייך נאָך דעם פאַרענדיקן די שול, גיין דינען אין מיליטער; איינשטעלן דאָס לעבן אין די מלחמות קעגן די טעראָריסטן, קעגן אָפענע און פאַרמאַסקירטע שונאים. איר אידעאַל איז איינגלידערן זיך אין דער אַרמיי, באַזונדערס, דינען אין די קאַמפּבריגאַדעס: אין דער גרענעץ־וואַך; אַלס פאַראַשוטיסטן; אין די קאָמאַנדאָס; אין דער מיליטערישער פּאָליציי, וואָס דינט על־פּי־רוב אינעם הינטערלאַנד, אויספירנדיק פאַרשידענע שווערע אויפגאַבן. דער ווילן פון דער יוגנט זיך איינשליסן אין די קאַמפּס־בריגאַדעס איז ניט בלויז אַן ענין פון כבוד, דאָס איז אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער פון יעדן יוגנטלעכן זיך צו גרויסן פאַר דער משפּחה און פריינד מיט צו העלדישקייט און ווייזן דער געזעלשאַפט די גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די געפערלעכסטע אויפגאַבן, און די אחריות צו באַשיצן דאָס לאַנד.

צוזאַמען מיט דעם טרוימען אונדזערע זעלנער וועגן שלום, זיך אומקערן וואָס גיכער געזונטערהייט אַהיים. עס פאַרדריסט זיי אויך די אומגערעכטיקייט, פאַרוואָס ביי אַ 150 טויזנט ישיבה־בחורים ווערן באַפרייט פון יעטוועדע מיליטערישע התחיבותן. - דאָס זענען דאָך 300 טויזנט הענט, וואָס ווערן פאַרטראָטן פון אַרבעטער געבראַכטע פון אויסלאַנד. אין דער זעלבער צייט מוזן די סטודענטן פירן קאַמפן פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו קאָנען לערנען.

איינע פון די ערנסטע און שווערע פּראָבלעמען אין ישראל איז די עטנישע פּילמינימקייט. פאַר די לעצטע 50 יאָרן זענען אין לאַנד אָנגעקומען הונדערטער און טויזנטער יידן פון אַלע עקן וועלט. די עטנישע פאַרשידנהייטן באַגרעניצן זיך ניט מיט דער צעטיילונג אויף ספרדים און אשכנזים, כאָטש דאָס אַליין איז שוין גענוג פאַר פאַרשידענע רייסענישן און קאָנפליקטן. די דיפערענצירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַ סך טיפער: יידן אָנגעקומענע פון פוילן רופט מען ביז היינט "פּולנים": - פון דייטשלאַנד "גרמנים"; פון רוסלאַנד - "רוסים"; - פון מאַראָקאָ - "מרוקאים"; - פון אַמעריקע - "אַמריקאים"ז פון אַביססיניע - "פלשים" אָדער "שחורים". און יעדע גרופּע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך איר שפּראַך (אַחוץ העברעיש קאָן מען הערן אין די גאַסן 12 לשונות), איר קולטור, קולטורעלע און סאָציאַלע טראַדיציעס פון

די לענדער פון וועלכע זיי זענען געקומען. און ס׳פאַרשטייט זיך במשך פון לאַנגע יאָרן לעבן זיי (און זייערע קינדער) אין הסכם מיט זייערע געוווינטשאַפטן און מנהגים. און כאָטש אָט די פאַרשידענע מענטשן לערנען זיך צוזאַמען, אַרבעטן און קומען אין טאָגטעגלעכן באַרער, און באַמיען זיך אַפילו איבערקומען די פאַרשידענע באַריערן און פאַרשידנהייטן, קומט עס זיי אָן זייער שווער און ניט זעלטן פאַרענדיקן זיי זיך מיט ערנסטע קאָנפליקטן - ביז צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

די אָנגעוויזענע פאַרשידנהייטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, די מענטאַליטעטן פון די פאַרשידענע גרופּן - זייער באַציונג צו דעם אייגענעם לאַנד, צו די אַראַבער און צו זייער פאַרביסענעם און שטייגערנדיקן קאַמף פאַר גרינדן אַן אייגענע מלוכה; צו דער תורה און רעליגיע, בכלל - האָבן געבראַכט צו אַן אויסערגעוויינלעכער פּאַרטיישער פּילאַרטיקייט און פּאָליטישער פּאָלאַריזאַציע פון דער ישראל-געזעלשאַפט. אין די לעצטע כנסת-וואַלן זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַרשטייערס פון 21(!) פּאַרטייען. די אַרבעטער-(פּערעס)-פּאַרטיי האָט באַקומען 34 ערטער, ליכוד-(בנימין נתניהו) - 32 ערטער, די נייע עמיגראַנטן פּאַרטיי "ישראל בעליה - 7; און דער "דריטער וועג" - 4 ערטער אין דער כנסת. אַ גרויסע צאָל ערטער האָבן באַקומען די רעליגיעזע, ס׳רוב פאַנאַטיקער, אָרטאָדאָקסישע פאַרשטייער.

די צרה באַשטייט אין דעם, וואָס, זייענדיק אין דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד נאָר אַ מינדערהייט קען אָן די דתיים נישט אָנגעהאַלטן ווערן אַ קאָאַליציע-רעגירונג. אָפּט נוצן די גלויביקע אויס די געלעגנהייט אויף דיקטירן אַנטידעמאָקראַטישע געזעצן, וועלכע האָבן אַן אינטימען שייכות סיי צו דעם פאַמיליע-לעבן, סיי צו דער אויסערן פּאָליטיק פון דער מדינה, באַזונדערס, צו דעם שלום-פּראָצעס מיט די פּאַליסטינעזער אין די גרענעצן פון ישראל, און מיט די אַראַבישע מדינות. און דאָס ברענגט צו אַ געפערלעכער שפּאַלטונג אין פאָלק, אַפילו צווישן די גלויביקע, גופא.

די אָרטאָדאָקסן האָבן פאַרכאַפּט די מאָנאָפּאָליע אויף גיור, מילה, חופה וקידושין און קבורה-רעכט, און מ יט דעם דערצערנען זיי די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם-גלויביקע (די מערהייט רעליגיעזע אין די תפוצות), וועלכע דראָען אָפּשטעלן זייער פּאָליטישע און פינאַנציעלע שטיצע פאַר ישראל.

די אָרטאָדאָקסישע מנהיגים זענען ניט נאָר קעגן פירן ווייטערדיקע שלום-אונטערהאַנדלונגען מיט די פּאַליסטינעזער, זיי האַלטן, אַז דער "אָסלאָ-שלום-אָפּמאַך" איז געווען און פאַרבלייבט אַ פאַרברעכן קעגן דער תורה און דער הלכה. די פּראָפּאַגאַנדע פון פאַנאַטישן "פּאַטריאָטיזם" דערפירט היציקע מוחות (זאָל זיין נאָר איינצלנע, ווי ברוך גאָלדשטיין און יגאל עמיר) צו קרימינעלע פאַרברעכנס, צו חלול פון דעם באמת יידיש-הייליקן לא תרצח-געבאָט - צו דעם שענדלעכן מאָרד פון דעם פּרעמיער פון דער יידישער מדינה, יצחק ראַבין אין דער צייט פון אַ מיטינג פאַר שלום.

די שטימונג צווישן דער באַפעלקערונג איז אַ פאַרזאָרגטע. ביז היינט איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין שלום מיט סיריע, און אין לבנון פאַלן נאָך אַלץ ישראלדיקע זעלנער. פון צייט צו צייט קומען נאָך אַלץ פאָר מערדערלעכע טעראָר-אַטאַקעס אין האַרץ פון תל-אביב און ירושלים.

און דאָך, למרות הכל, קאָנען די אָנגעוויזענע שאָטן-זייטן נישט פאַרמינערן די דערגרייכונגען פון מדינת ישראל און אונדזערע האָפענונגען אויף דעם זיג פון ענדגילטיקן שלום.

וועגן דעם זאָגן עדות פֿאַרשידענע סימנים:

דער ישראל־ירדן שלום־אָפּמאַך, ניט געקוקט אויף פֿאַרשידענע שטרויכלונגען, האַלט אָן; די אַראַבישע מלוכות קאָנען שוין מער נישט אָפּלייקענען, מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקייט ווי פֿריער, דאָס רעכט אויף קיום פֿון מדינת ישראל; דער פּאַלעסטינער קריג מיט דער יידישער מדינה (נישט געקוקט אויף דער עקזיסטענץ פֿון דער אַראַבישער כאַרטיע) באַשטייט איצט נישט אין דעם נישט אָנערקענען מדינת ישראל מצד פֿון די פּאַלעסטינער. דער ברענענדיקער ויכוח גייט איצט אָן וועגן די גרענעצן פֿון דער פּאַלעסטינער אויטאָנאָמיע און וועגן איר אומאָפּהענגיקייט; דער פֿאַקט, וואָס די ליכוד־רעגירונג האָט געמוזט מסכים זיין מיט דעם צוריקצי פֿון 80 פּראָצענט פֿון חברון און איז גרייט זיך ווייטער צוריקציען פֿון 11 פּראָצענט פֿון די אַנדערע מערב־ירדן שטחים איז אַ באַווייז, אַז זי האָט אויפֿגעגעבן דעם עקר־פּרינציפּ פֿון דער ליכוד־פּאָליטיק "נישט אָפּגעבן קיין שטעקל ערד פֿון דעם גאַנצן ישראל".

בלי ספק, דאָס רוב פֿון דער ישראל־באַפֿעלקערונג און יידן אין דער גאַנצער וועלט זענען פֿאַר טעריטאָריעלע קאָמפּראָמיסן, וואָס זאָלן ברענגען אַ געזיכערטן שלום; אַ שלום, וואָס זאָל פֿירן צו אַ סוף פֿון מלחמות און טעראָר־אַקטן קעגן דער פֿרידלעכער באַפֿעלקערונג. גאַנץ ישראל איז פֿול מיט הייסן ווילן צו פֿאַרהיטן און פֿאַרמערן דאָס גוטע און פֿריידיקע אין לאַנד - פֿאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פֿון יובל: רו, פֿרייהייט און שלום אין לאַנד און אין דער וועלט.

לאָמיר האָפֿן, אַז די איצטיקע רעגירונג פֿון ישראל וועט בקרוב בימינו דעם דאָזיקן ציל דערגרייכן. מיר, יידן אין די תפוצות און נישט יידן, וועלכע שענקען דעם קליין־גרויסן לינד זייערע כוחות און הילף, ווינטשן די פֿירער פֿון לאַנד שלמה המלך'ס לב חכם ונבון (מלכים א, ג, 12) - חכמה און גוטהאַרציקייט - אויף בייצוקומען אַלע נסיונות און אויספֿילן דעם הייליקן חוב - ברענגען שלום אין לאַנד.

## באַמערקונג

אין מיין אַרטיקל "מיין חלום און די וואָר פֿון ישראל", "חשבון" נומ. 131, זענען צוליב מיין שולד אַריינגעפֿאַלן אַ ריי נישט פּינקלעכקייטן, אויף וועלכע ס'האָט מיר אין אַ בריוו אָנגעוויזן פּראָפֿ. גרשון וויינער פֿון ישראל, פֿאַר וואָס איך בין אים זייער דאַנקבאַר.

די וויכטיקסטע פֿון זיי:

1. (ז' 5.) אָפּגעדרוקט "נחמן ביאַליק". עס דאַרף זיין חיים־נחמן ביאַליק.
2. אויף דער זעלבער ז' - "פֿייגענבערג". עס דאַרף זיין מרדכי זאב פֿייערבערג. דער מחבר פֿון דער פּאָעמע "לאָן".
3. ז' 11. וועגן דעם טאָגטעגלעכן דוכענען פֿון די כוהנים. אָפּגעדרוקט "יעדער טאָג". ס'דאַרף זיין "יעדער טאָג חול המועד פּסח און (סוכות)". איך בין געווען אין ישראל גאַנץ פּסח. דערפֿאַר תאָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס קומט פֿאַר יעדן טאָג.
4. ז' 12 "מצבות" פֿון אַלע שטעט. נישט מצבות. נאָר "מגילות".

איך בעט ביי די לייענער אַנטשולדיקונג און דאַנק דעם פּראָפֿ. וויינער פֿאַר זיינע באַמערקונגען.

**משה וואָלף**

# טרוים קאַץ האַנדלער / ניו־דזשוירזי

## הפסקה*

כ׳פאָר צווישן קוקורוזע מויערן
ביז קוקורוזע טויערן.
דאָ וואַקסן קוקורוזע פעלדער
און קורורוזע וועלדער -
ניט אוגערקעס, ניט בוריקעס.
ניט יאַגדעס.

ווען כ׳ווער אויפגערעגט
פון טעגלעכע ענינים
און וויל אַנטלויפן פונעם רעש
פון יענע גזלנים, די נשמה־שונאים,
איז ניטאָ קיין וואַסערל,
קיין אָזערע, קיין קוואַל,
קיין טייכל, קיין לאַגון,
קיין וואַסער דאָ בכלל.

אין אַ פריערדיקן לעבן,
אין אַ פאַרגילגולטן וועזן,
האָב איך אויסגעפונען
אַז ביים ברעג ים
איז רויקייט פאַראַן,
אַז די ווילדע כוואַליע־בערג
וואַשן אָפּ די קלייניקייטן
אין אומרויקע צייטן.
אַן אייניקייט בלייבט,
ווו פייגל האַפּקען,
קראַקען, און פּאַכן פליגלען
איבער וואַסערדיקע הימל־שפּיגלען.
כ׳ווער פאַרכאַפּט פונעם אויסגאַס -
איינגאַס שטראָמגעלויף
און גאַף דערויף
ווי אין אַ שלומדיקן חלום.

טאָ וואָס טו איך דאָ, שימחה־שאַץ,
ווען כ׳זוך אַ ״רוע־פּלאַץ״?
כ׳שרייב דיר אַ בריוו צי אַ ליד,
אָדער כ׳לאָז איבער אַן אַנאַנס

---

* צוויי לידער פון אַ גרעסערן ראָמאַן און פערזן

אויף דיין מאַשינקע,
אונדזער פּרייוואַטער קאַטערינקע.

שימחה, דו ביסט מיין אָפּרו,
בלויז דו,
מיין אינטערמעסיע,
מיין אינטערמעצאָ,
מיין צווישנדל,
מיין אינטערוואַל
פון שלום אין וואַכנדיקן חלום.

## בלוי

בלוי איז אַ בלימעלע
צווישן קאָרן,
בלוי זיינען די יאָרן
מיר האָבן פאַרלאָרן.

אין האַלבנאַכטיקן בלוי
שרייב איך דיר לידער
פון אומעט און ליידנשאַפט
איבער און ווידער.

בלוי איז דער קאָליר
פאַר מלכות מיט קיניגן;
בלוי זיינען אונדזערע שטימעס
ביים טעלעפאָן־געזעגענונג.

בלוי איז דער קאָליר
פון פאַרבענקטן געזאַנג;
בלוי ווערט פאַרבלאַסט
פון וואַרטן צו לאַנג.

אונדזער בלוי איז ניט טרויעריק,
אונדזער בלוי איז לאַנג־דויערנדיק.
אונדזער בלוי איז פון ים און פון טייך,
אונדזער בלוי איז דימענטן־רייך.
אונדזער בלוי געפינט זיך אין טינט
וואָס ברענגט די פרישקייט
פון הימל מיט ווינט.

חנן קיעל ניו יאָרק

# דער דויערנדיקער קאָמפּלעקס פֿון די שארית הפּליטה

## 1

## "יאַנקל, ראַטעווע מיך, איך וויל לעבן!"

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פֿון ניו־יאָרק האָבן אונדז אָפּגעוואַרט לאַנדסלייט, משפּחהשאַפֿט פֿון זיידנס צד וועמען כ'האָב קיין מאָל נישט געקענט און אַלע זענען געווען לינקע, וואָס האָבן געדונגען האָטעלן אין די קעטסקילס און אָפּגעקוואָלן פֿון פּאָול ראָבסאָנס יידישע לידער. ס'איז מיר געווען טשיקאַווע צו באַקענען מיינע נייע ווייטע קוזינען פֿון מיין זיידנס משפּחה - פֿאַר מיר אַ פֿרעמדע וועלט. איך בין געקומען פֿון די רוסישע לאַגערן, אוראַל־בערג, קאָלכאָזן, זאַוואָד; געהאַט אַ סך יוגנט־פֿריינד. אין אַמעריקע האָבן די פֿריינד פֿון די סאָוועטן נישט געקענט רוסלאַנד, און זי נישט געזען.

אַ סך צייט איז אַוועק, דער דור הולך איז פֿאַרשוווּנדן, געבליבן זענען מיר, דער קליינער גרעאַטעוועטער ניי עמיגראַנטישער פּליטים־דור און מיין יידישע קולטור־סביבה פֿון דעם שארית דיכטער־דור. הגם קליין אין צאָל זענען זיי דאָס לעבעדיקע האַרץ פֿון אונדזער אומגעקומען פֿאָלק.

*

אין די ערשטע גרינע יאָרן האָבן מיר אַלע געלעבט ווי שאָטנס פֿון אַ חרובער וועלט מיר האָבן געפֿילט די אַנדערשקייט, די באַריערע צווישן אונדז און די אַמעריקאַנער פֿאָלקס מענטשן, הגם זיי האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט גינציקייט און פֿאַרשטענדעניש, מיר האָבן געזוכט די אומגעבראַכטע היימישקייט ביי די נישט אין גאַנצן אויסגעגרינטע קרובים אין די לאַנדסמאַנשאַפֿטלעכע "סאָסייעטעס", רעליף־און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, שילן, אַז ס'זאָל בלייבן עפּעס פֿון דער נישט איבערגעריסנקייט. דורך די 50 יאָר האָבן זיך אַלע אַמעריקאַניזירט, דערגרייכט פּאָזיציעס; די גרינע זענען געוואָרן רייכע פֿאַבריקאַנטן, קינדער זענען געוואָרן פּראָפֿעסיאָנאַלן, צו די יזכור׳ס האָט דער צווייטער דור גאָר פֿרי אויפֿגעהערט קומען. אויך אויף שמחות האָט די נאָסטאַלגיע צו ביסלעך אויסגעוועפּט. דער עולם ווערט מיד, קראַנק, דער זכרון־שוואַך כאָטש קיינער וויל נישט פֿאַרגעסן ביזן לעצטן אָטעם. מיר האָבן דאָ אַלע געהאַט קרובים, פֿאַרבינדונגען מיט משפּחה און סביבות, דער איבערבלייב פֿון אַ גרעאַטעוועטע לעבן. קולטור און מענטאַליטעט. מיין עלטסטער ברודער חיים, וואָס איז אַ יאָר פֿאַרן אויסברוך פֿון דער מלחמה געקומען פֿון פֿריישטאַט דאַנציק קיין ניו־יאָרק, האָט זיך דורך די מלחמה־יאָרן אַרויפֿגעאַרבעט: פֿאַבריקאַציע, הייזער, אַקטיוו אין דער לאַנדסמאַנשאַפֿט, שכינישער שיל, ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט זיינע ניי־געקומענע קוזינען.

די קרובים זענען געווען אָנפֿאַנגער, צון אים אַרויפֿגעקוקט, פֿאַרערט אים און די שוועגערין, "אַן אמתע אשת חייל". מיין ברודער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ סופּער־עגאָ אַ מוסטער פֿון אַמעריקאַנער "סוקצעס". מיינע קוזינען, פֿעיקע פֿאַבריקאַנטן און ביזנעס־לייט האָבן שווער געאַרבעט אין די ערשטע יאָרן און דערגרייכט מאַטעריעלע עשירות. איין קוזין האָט פֿאַבריצירט דעקאָראַטיווע קונסט־ווערק, אַנדערע צווי ברוידער האָבן געבויט הייזער און פֿאַרקויפֿט בוי־מאַטעריאַל, און ביזן "ריטייערן" געוואָרן ביידע

מיליאָנערן. ווי אַ צאָל פון זייערע פריינד און בני עיר. געשיקט קינדער אין קאָלעדזש, דערלעבט חתונות און נחת.

* * *

אוודאי זענען נישט אַלע געקומענע געווען פון זעלבן טייג געקנאָטן. אָבער אַ סך בשותפותדיקע גייסטיקע עלעמענטן קען מען געפינען ביי די ניצול געוואָרענע, וואָס כאָוועט אין זיך די פאַרלוירענע וועלט און דעם גראַנגל פאַר אַ נייעם בראשית. דער גייסטיקער פראָצעס איז אפשר געווען דער זעלבער ווי אַ מאָל. עמיגראַנטן קומען מיט פּלענער פון אַ סוחר, אַ בעל מלאכה, וואָס האָפן צו מאַכן אַ לעבן אַבי אין זיכערקייט; אפשר זיך אַרויפאַרבעטן. ווערן אַ קליינבירגער צי גאָר אַ גרויס-בירגער. שניידערס אָן אַ שטאָך אַרבעט ווערן דיזיינערס; סטאָליערס ווערן מעבל-פאַבריקאַנטן; אָן-פּרנסהדיקע גייען אַוועק אין וואָלסטריט. מיין פעיקער קוזין האָט שוין אַנטפּלעקט, אַז גאָלד ליגט אין די גאַסן, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צו קלייבן.

ביי אַ סך פון אונדזערע ניצול-געוואָרענע איז געבליבן אַ שארית הפליטה קאָמפּלעקס, וואָס האָט זיך אַריינגעקנאָטן אין דער נשמה זינט די געטאָס און לאַגערן. דאָס איז אַן אייביקער גראַנגל פאַר לעבן-בלייבן. ס'איז געווען קענטיק אין די ערשטע פרייע גרינע יאָרן אין ניו-יאָרק און שפּעטער אויפן וועג צו רייכטום און געגוס אין די יאָרן פון בר מצות מיט די קוסעוויצקיס. דער שארית הפליטה-קאָמפּלעקס האָט זיך אויסגעדריקט אין אומצוטרוי צו מענטשן בעת די געיעגן, אין עגאָטיזם און איבערטריבענער זאָרג פאַר קרובים; פאַרנדיק צווישן וואַלדיקע ערטער און טראַכטן פון בונקערס; דאָס שרעקן זיך פאַר נייע שרפות; איבערחזערונג פון מלחמות, געטאָס און טויט-לאַגערן. דער שארית הפליטהניק האָט זיך געזאָרגט, אַז זיין קינד זאָל זיין צוגעגרייט איבערצולעבן די שלעכטע צייטן, די "נייע" געפערלעכע יאָרן, חס וחלילה.

דער באַגער צו וועלן דערציילן אָבער און ווידער אומויסשעפּלעכע איבערלעבונגען פון חורבן-צייט, מעשיות פון פּיין, הונגער, בלוט און טרערן; די ניסים פון בלייבן לעבן, איבערלעבן דעם גיהנום - דאָס איז די מעשה פון אונדזער העלד - יאַנקל פון מיין קאַפּיטל זכרונות אין וועלכן מיין פּרזאָן וועט דאָ שפּילן אַ גאָר באַשיידענע ראָלע אין דער משפּחה-דראַמע. מיינע וועגן האָבן געפירט זיך צו פאַרנעמען מיט דער לערערישער פּראָפעסיע אין די יידיש וועלטלעכע שולן און אין די זומער-קעמפּעס. מיר האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט ערן-שריפט פאַר שולן און יידישע אָרגאַניזאַציעס, הסתדרות, קרן קימת פּיאָנערן-פרויען, אַרב. רינג, פאַרבאַנד א.א. וו. (אין די קעמפּס בויבעריק, קינדערוועלט וכדומה). יידישע קולטור און ליטעראַטור איז געבליבן מיין באַשערטקייט ביז היינט. די לעבן-געבליבענע קרובים זענען מיר שטענדיק געווען נאָענט, אַזוי אויך מיינע לאַנדסלייט און קולטור-פריינד.

פון די אַלע מיינע קרובים האָט מיך צום מיינסטן אינטערעסירט מיין קוזין יאַנקל מיט זיין אייגנקייט, קוראַזש, אַ טיפּ פון לאָנדאָנס מאַרטין אידען. פון פּזשיבישעווסקיס האָמאָ סאַפּיענס, אַ מין ביג דעדדי פאַר זיינע ניצול געוואָרענע קרובים, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן אַרום זיך ביז זיין טראַגישן טויט.

ער האָט געשטערעבט רייך צו ווערן, געניסן פון לעבן און געכאָוועט אין זיך דעם אייביקן שארית הפליטה-קאָמפּלעקס. איך געדענק אים אין די דרייסיקער יאָרן ווען ער האָט געדינט אין לאָדזשער פּולק און אָפט געווען ביי מיר אַ גאַסט. ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ שגץ, אַן אַנטיסעמיטישער כוליגאַן, וואָס האָט אים פּראָוואָצירט אין

דער דרוזשינע צו אַ געשלעג און יאַנקעלע האָט דעם שגץ אָנגעלערנט ער זאָל זיך מיט אַ יידן נישט טשעפּען - מיט אַ שוך צעהרגעט זיין קעגנער. אַזאַ איז ער געווען - אַ שטאַרקער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע.

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע איז ער אין געטאָ געווען אַ פּריווילעגירטער סוחר צו קויפן און פאַרקויפן פּוטערוואַרג פאַר די דייטשן. ער האָט אַ דאַנק דעם געראַטעוועט אַ קרוב, אַ פעטער. אין צייט פון דער אַקציע איז ער געווען אַ פּאָליציאַנט. זיינע ברידערס זענען אומגעקומען. איין מיידעלע איז געוואָרן אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן, געוואָרן געראַטעוועט, געענדיקט אין ניו־יאָרק ווי אַ כעמיסטן. יאַנקל און זאָשע האָבן זי אַדאָפּטירט צו זייער 50סטן חתונה־יובל. ער האָט אָנגעהאַלטן נאָענטקייט מיט די קריסטלעכע חסידי אומות העולם, געפלאַנצט אַ בוים אין יד ושם און זיי געהאָלפן עקאָנאָמיש און משפחדיק. ס'גאַנצע לעבן.

ער האָט מיך און ליזאַן פאַרבעטן אין זיין שיינעם גיט. אַ לוקסוס־הויז, אַ וועלדל אַ טייך, אַ שווים־באַסיין. מיך באַקענט מיט זיינע געשעפטן, הייזער ניי־געבויטע און אָן אַ שיעור שטחים לאַנד אָפּגעקויפטע פון די באַנקראָטירטע יידישע פאַרמערס. ער האָט פאַרקויפט צו דער אָרטיקער רעגירונג לאַנד צו בויען אַ שטעטל מיט אַ צאָל גאַסן מיט דעם באַדינג זיי זאָלן טראָגן די נעמען פון זיין משפחה, און ער האָט אויסגעפירט. קום, זאָגט ער, וועסט בייזיין ווי ס'ווערט דורכגעפירט אַ לאַנד־טראַנזאַקציע מיט אַ בוי־געזעלשאַפט. איך פאָר מיט אים אין אַ לייקוווד באַר. ביי אַ טיש זיצן די פאַרטרעטער, אַן אַדוואָקאַט און עקספּערטן, זיי רעדן וועגן די נייע געזעצן מיט אַלערליי קאָמפּליקאַציעס, וואָס ער האָט מסתמא נישט פאַרשטאַנען. זיי רעדן לאַנג און ער שווייגט, ביז ס'קומט אַן איבעררייס: "איך פאַרשטיי נישט, זאָגט ער, אייערע קאָמפּליצירטע ווערטער. דאָס לאַנד וועט אייך קאָסטן איין מיליאָן דאָלער, יאָ־יאָ, ניין, ניין".

די עקספּערטן זענען געבליבן געפּלעפט. סטייטש? אַ מענטש האַנדלט מיט הייזער, לאַנד - דערצו אַ בוי־אונטערנעמער און איז נישט נייגעריק צו וויסן די געזעצן, כללים? זיי האָבן געקויפט און באַצאָלט דעם פּרייז. אין דער היים האָט ער דערציילט אַ טרויעריקע מעשה פון זיין טאַטן און מיינע פעטערס און מומעס, וואָס זענען נאָך געווען אין טשערנסטאָכאָווער "האַסאַג" די לעצט לעבן־געבליבענע פון אונדזער משפחה בעת דער לעצטער סעלעקציע. "יאַנקל, איך וויל לעבן" - בעט זיך דער פעטער בענדעט, דער טאַטע זיינער. און די מאַמע זיינע וויינט: "איך וויל נישט לעבן. כ'האָב נישט מער מיינע קינדער". יאַנקל בעט זיך ביים דייטש ער זאָל ראַטעווען זיינע עלטערן. "ביידע? דאָס איסט יאַ ניכט מעגלעך. זי האָבן איין אויסוואַל, פאָטער אָדער מוטער". "יאַנקל, ראַטעווע מיך" - בעט זיך. דער פעטער בענדעט. "נו, כאַנטשע, ווי וואָלסטו געהאַנדעלט? ניין, דו דאַרפסט נישט ענטפערן!" "איך, זאָגט ער, האָב אויסגעקליבן דעם טאַטן" - דער דייטש האָט געלאַכט "עס וואַר דאָך נור איין שפּאַס". בענדעט איז צוגעלאָפן צום טויער, יאַנקל איז אים נאָכגעלאָפן. דער דייטש האָט זייביידן צוריק געבריקעט. אין צוויי שעה שפּעטער האָט אַ "האַסאַג" לאַגערניק געטראָגן דעם פעטערס צעבלוטיקט היטל. אין דאַשעק איז געוועזן. איינגעניית געלט...

פאַרוואָס האָט ער זיך געערמאַנט אין יענער טראַגישער סצענע גראָד נאָך דער טראַנזאַקציע מיט לאַנד־פאַרקויף? איינער פון יענע אַגענטן האָט גראָד אויסגעזען ווי דער דייטשישער ס"ס־מאַן פון "האַסאַג"־לאַגער.

יאַנקלס עדוקאַציע איז געווען אַן עלעמענטאַרע, אָבער זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ האָט געהאָלפן זיך אַרויס דרייען פון שווערע סיטואַציעס און דעציזיעס. ער האָט זיך געקענט פאַרשטענדיקן אין עטלעכע שפּראַכן און געווען אַ לייענער. הגם אַ קנאַפּער ליבהאָבער פון פּאָעזיע, האָט ער געלייענט מיין בוך צו געפינען משפחה־שפּורן אין די אַלייען פון אונדזער פּוילישער היימשטאָט צו פּוסנס דער "יאַסנע גורע" זיין אַגנאָסטיציזם איז געווען אַ געקריג מיטן גאָט פון זיינע אומגעקומענע עלטערן. ביז 1943 האָט ער זיי אויסבאַהאַלטן אין אַ געטאָ־בונקער מיט אַ צאָל יונגע פּעטערס און מומעס. נאָך דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ האָט ער זיי געפּרוווט באַשיצן אין "האַסאַג", ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. זיי זענען אַלע אומגעקומען אויפן בית עולם. יאַנקל האָט באַמערקט זיין טאַטנס היטל. ער איז געווען אַ סענטימענטאַלער פּראַגמאַטיסט מיט אַ מאַטעריאַליסטישער השקפה, אָבער ער האָט אויך געהאָלפן זיינע פריינד. אין אַמעריקע האָבן מיט אים געוווינט משפחה. ער האָט געהאָלפן זיין שוואָגער פון רוסלאַנד און געבראַכט אים קיין לייקווּוד.

זיין ברודער מענדל איז געווען צען יאָר יונגער פון יאַנקלען, אַ בן זקונים ביי די עלטערן. אין דער האַנטווערק שקאָלע געלערנט טישלעריי און אין "האַסאַג" באַנאַנד מיט זיין ברודער געפירט דעם וואַרשטאַט אונטערן אויפזיכט פון אַן עס־עס־מאַן. דער דייטש האָט פאַרלאַנגט די ברידער זאָלן צושטעלן צוויי מענטשן, קנאַפּערע פאַכלייט. די ברידער האָבן זיך אַליין געמאָלדן צו ווערן סעלעקטירט. אַן אויפגעבראַכטער האָט דער דייטש יאַנקלען צעשלאָגן, אָבער קיינער איז נישט געוואָרן סעלעקטירט. אין "האַסאַג" איז מענדל געווען דער עקספּערט און יאַנקל דער אונטערנעמער. מענדל, אַן אַמעריקאַניזירטער שארית הפּליטהניק, יאַנקל איז נאָך אַלץ געקומען צו די יזכורס. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן עצה־געבער. ער האָט געלעבט אין אַן אילוזאָרישער אומזיכער קייט. זיין זון האָט געלערנט אין ווייצמאַן־אינסטיטוט און איז אַ פּירנדיקער דערציער.

מיר האָבן פאַרבראַכט זייער אָפט מיט יאַנקלען און זאָשען און ער האָט דערציילט וועגן אָפּמאַך מיט אַ דייטש און פּאָליאַק, ווען ער האָט פאַרקויפט מיין פּעטערס טוזינטער פּאָר שיך באַהאַלטענע אין קעלערס, צו ראַטעווען זיינע קרובים פון הונגער.

ווען ער האָט דערציילט זיינע עפּיזאָדן, האָב איך זיך צוגעהערט מיט אַ ווייטיקדיקן שווייגן, ער האָט דערמאָנט מיינע עלטערן אין פאַרצווייפלונג און איינגעהאַלטנקייט. די מאַמע איז געווען אַן אַסטמע־קראַנקע און די משפחה האָט מורא געהאַט, אַז איר הוסטן קען פאַראַטן די באַהאַלטענע אין בונקער. זענען זיי געבליבן אויף גאָטס באַראָט און געטראָגן ביי זיך "ציאַן קאַלי". אין צייט פון דער גרויסער אַקציע האָט די מאַמע זיך געבעטן – ראַטעווע זיך, בערל! און ער איז געבליבן אַליין אין אַלטמאַנס מעטאַלורגיע אויף שטיינערנע טרעפּ און געוויינט – ווו איז זי מיר פּלוצעם פאַרשוווּנדן..." ער איז שוין אין זעלבן וואַגאָן מיט דער מאַמען קיין טרעבלינקע נישט געפאָרן. יאַנקל האָט דעם טאַטן מיינעם געזען צום לעצטן מאָל. ער האָט פּרובירט ראַטעווען מיין ברודער, צוטיילן צו אַן אַרבעט, אָבער אַן פרוי און קינד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַליין צו ראַטעווען. דריי קוזינען זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, אָבער זיי זענען אומגעקומען פון די פּוילישע קאָלאַבאָראַטאָרן, די גאַנצע טשענסטאָכאָווער יידישע קהילה איז געווען אין אַ פּאַסטקע.

*

יאַנקל מיט זיין פרוי האָבן אַרומגערייזט די וועלט. אינדיע, כינע, רוסלאַנד. יעדעס

יאָר - אין פּוילן און אין ישראל. די משפּחה האָט אים גינציק געהאָט און צוגעגרייט אַ פּופּציק יאָריקן חתונה־יובל אין באַרימטן טרייד־צענטער. אַרומגערייזט די וועלט האָט ער אַן אומרויקער געזוכט זײַנע קראַנקע חורבן־פֿריינד. ער האָט אַ פֿריינד מיט גענומען קיין וואַרשע, געדונגען אַ אַ קראַנקן שוועסטער, נאָך אַ קנאַפּ יאָר איז יענער פֿריינד שוין נישט געווען. יאַנקל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ צוואה. אַז נאָך זיין טויט שענקט ער זיין קערפּער פּאַר מעדיצינישע צוועקן. אין זיינע זיבעציקער איז ער געווען געזונט און שטאַרק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט אַוועק פֿון דער וועלט אויף אַ נאָרמאַלן וועג, סיידן מען וועט אים הרגענען.

ס'איז געווען אַ זומערטאָג, כ'בין צוריק געקומען פֿון וואַקאַציע, קלינג אָן קיין לייקוווד און ווער צעטרייסלט. אַ טראַגישער אומגליקס־פֿאַל, אויף זיין אייגענעם גיט אומגעקומען פֿון אַ מאַשין, וואָס שניידט גראָז. ער איז געווען צעקריגט מיטן גאָט פֿון זיין טאַטע־מאַמע, אָבער דער זון האָט אויף זיין קבר געזאָגט קדיש. און יידן האָבן אָנגעפּילט דעם קבר מיט שמות און פֿאַרמעטן פֿון ספר תורות. אין קבר האָבן זיי אויף יאַנקלען אַרויפגעצוווּנגען אַ באַרג מיט יידישקייט.

## 2
## אַ טאָפּ מיט גאָלד

מיין טשענסטאָכאָווער פֿריינד משה ב. האָב איך געקענט גאָר ווייניק. ערשט אין ניו־יאָרק האָב איך אים דערקענט מיט זיינע איבערלעבונגען, זיינע פּראָבלעמען און כאַראַקטער. זיין היימישע דערציונג איז געווען חסידות, לומדות, און געלערנט די פּראָפעסיע פֿון קיזשנעריי אַנגאַזשירט אין מזרחי; אָבער געווען שטענדיק אַ געניטער סוחר.

אין צייט פֿון מלחמה, גרויסן געטאָ, האָט ער זיך געזאָרגט וועגן איבערלעבן, זיך ראַטעווען. ער האָט אָנגעזאַמלט געלט, צירונג, געזוכט פֿאַרבינדונג מיט קריסטן מיט דאָרפֿישע בונקערס. זיי האָבן שוין געוווּסט וועגן די טויט־לאַגערן, די דייטשע זיגן אין רוסלאַנד. פּוילישע מוסרים־שמאַלצאָווניקעס. די פֿאַסטקע ווערט ענגער, ס'הייבן זיך אָן די אַקציעס - נישטאָ קיין רעטונג. משה האָט מיר דערציילט וועגן באַקאַנטע פֿרומע תלמידי חכמים אין זייער פֿאַרצווייפלונג און מורא, צי האָבן זיי חלילה נישט געלעבט אין אַ טעות. ניין. ער וועט נישט גיין צו דער אַקציע אָן חשבון. נישטאָ קיין נסים. אַלע וועגן פֿון געטאָ זענען פֿאַרמאַכט, געהיט פֿון באַוואָפֿנטע אוקראַאינער און פּוילישע פּאָליציאַנטן. אמת, ער האָט קאָנטאַקטן מיט פּאָליאַקן הינטער דער שטאָט. אפשר דאָך. ער האַלט זיך פֿון די לעצטע. ער ווערט סיווי סעלעקטירט און קומט אָן צו דער באַן. מער קיין פּלאַץ איז נישטאָ, דערוויַיל ווערט די גרופּע איבערגעפֿירט אין אַ טכניש הויז איבער צו נעכטיקן.

דער צענטער פֿון יידיש באַווינטן טשענסטאָכאָוו איז געווען דער אַלטער און נייער מאַרק אָפּגעטיילט פֿון אַ שמאָלן טימע ליקל, ווו ס'געפֿינט זיך דער קאָשטשאָל פֿון הייליקן יאַקוב. דזשאַדעס, קאַליקעס האָבן וויינענדיק געבעטלעט ברויט. אויף דער גרויסער אַקציע זענען יידן דורכגעגאַנגען דעם ליקל און דעגענהאַרט מיטן שפּיצרוט האָט סעלעקטירט: רעכטס - דערוויַיל צו דער אַרבעט, לינקס - צו די וואַגאָנען. די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך סוכות. צען פּראָצענט לעבנגעבליבענע זענען געבליבן אַרבעטן ביי יידישע מעבל, וועש, און אַנדערע מאַטעריאַלן און אויך פֿאַרן "האַסאַג", אַ

פאַבריק פון אַמוניציע.

אין דאָקומענטאַרן פילם שואה האָט באָמבע, דער טשענסטאָכאָווער פריזירער, מיט אַ ווייַנענדיקן, שטיקנדיק קול פּרובירט איבערגעבן וועגן געדראַנג און געשריי אין די שטיקנדיקע וואַגאָנען, און דאָס לעצט געוויין פון די פרויען וועמען ער האָט געשוירן די האָר.

* * *

די אומגליקלעכע יידן האָבן געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט אין די אָנגעפּילטע צימערן. משה דערזעט אַ קופערט, ס'איז נאַכט. ער קריכט אַריין אין קופערט, ליגט שוין דאָרט אַ מיידל. ליגן זיי ביידע און ציטערן פון שרעק, ליגן זיי ביז מאָרגן פרי פאַרמאַכט. די טראַגישע סצענע האָט שיעור ניט צונויף געפּאָרט אַ שידוך. דער מאָרגן האָט געוועקט מיט אַן אַליאַרם פון קללות און אַרויסגעטריבן פון יעדן ווינקל און באַהעלטעניש אַלע סעלעקטירטע.

דער טויער איז געוואָרן געעפנט און די געפאַנגענע זענען אַרויס אין דער גאַס אונטער אַ שמירה. משה האָט זיך באַהאַלטן הינטערן טויער. דער עולם איז אַרויס און ער איז געבליבן אַליין וואַרטן אַ שעה אָדער צוויי. די בגדים פאַרשטויבט, פאַרשמוצט, דאָס פנים פאַרריסט, מיד, דערשראָקן. ער מוז אַרויס, וווהין ווייסט ער נישט. ער לאָזט זיך צו דער ערשטער אַלעע, צו דער ווילסאָן-גאַס. ער גייט. באַלד ווערט ער פאַרהאַלטן פון צוויי דייטשע מיליטער-לייט: "וואָ גייסטו יודע, ווי זאָ קאָמסטו אַהער?" ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. "איך גיי אין געטאָ". "מיר וועלן דיך אַהין פירן". אָבער געפירט האָבן זיי אים צום בריקל, שטעלן אים צו דער וואַנט גלייך צו שיסן. אַ דערשראָקענער שרייט ער אויס "האַלט! וואָס איסט דאָס? איך האַבע אין געטאָ באַהאַלטן איין טאָפּף מיט גאָלד". דער אָפיציר באַפרייט דעם זעלנער און פירט דעם קלוגן יידן אין געטאָ. די טיר איז געשלאָסן. אַ יידישער פּאָליציאַנט דערקלערט, אַז דער שיתוף וועט ביי נאַכט צוריק קומען. "גוט! מאָרגן פרי וועל איך צוריק זיין". צו מאָרגנס איז משה ב. מיט נאָך צוויי פריינד שוין געווען הינטערן שטאָט באַהאַלטן ביי דער פּוילישער משפחה אין אַ בונקער.

אַ ניי שווער קאַפּיטל האָט זיך איצט אָנגעהויבן מיט נייע סכנות און געראַנגלענישן ביזן סוף פון דער מלחמה. דער בונקער - אַ טיפער פינצטערער גרוב פאַר דריי מענטשן צו זיצן אָדער ליגן אויף שטרוי. אין מיטן נאַכט זענען זיי אַרויס אויפן הויף אַביסל עטעמען. די משפחה האָט זיי דערנערט. יעדן חודש האָט דער פויער געבראַכט אַ צעטל אונטערגעשריבן פון משה ב. און ער האָט באַקומען אַ באַשטימטע סומע געלט. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען יעדן חודש. די דייטשן האָבן געוואָרנט מיט טויט פאַר אויסבאַהאַלטן יידן. די צייטונגען. די שריפט אויף עפנטלעכע פּלעצער האָבן ממש געסטראַשעט די יידן-רעטער.

זומער - 1944. דער גוטער פויער ברענגט אַרויף די באַהאַלטענע יידן מיט אַ שלעכטער בשורה, אַז ער וועט מער נישט אויסבאַהאַלטן קיינעם אין בונקער. זיי האָבן פּושט מורא און ווילן מער נישט ריזיקירן. כאָטש נישט דערוואַרט האָט משה אַ נערוועישער אים געענטפערט: "מיר האָבן זיך אויך קעגן אַזאַ מעגלעכקייט באַוואָרנט. מיר האָבן מיט געבראַכט געווער, רעוואָלווערס און אַ האַנט-גראַנאַט. מיר האָבן אייך אָוועקגעגעבן אונדזער געלט, גאָלד-מתנות איצט האָבן מיר נישט וואָס אָנצוווערן. אָדער מיר וועלן איינעם שטאַרבן אָדער איבערלעבן צוזאַמען מיט גאָטס חסד און דעמאָלט וועט איר נישט חרטה האָבן". נאָך אַ משפחה באַראַטונג קומט אַרויס די פויערטע מיט

אלי ביידער / ירושלים

# אַפּאָריזמען

פון דיקטאַטור איז אַנדערש דעמאָקראַטיע,
כאָטש מען גנבעט סיי ווי סיי בײַ יעדן.
אין וואָס באַשטייט פון פרייהייט די גאַראַנטיע?
ווען די גניבות מעג מען רעדן...

* * *

אויסרעכענערן קען עס אַ טויבער, אַ בלינדער
ער דאַרף זיך מיט קיינעם נישט באַראַטן,
אַז לייכטער איז האָבן אַ טאַטן צען קינדער,
איידער צען קינדער איין טאַטן.

* * *

סאַטירע איז אַ שפּיגעלע וואָס ווייזט
פּרעמדע זינד, דעם שכנס קלענסטן גרייז,
אַ טויב, וואָס אויף דער וואָר איז גאָר אַ קראָ.
דער הויקער אייגענער און שפּיגל איז נישטאָ...

* * *

פון אַ צייטונג קען מען זען די וועלט.
עס געשעט אָבער אַ מאָל,
אַז דאָס פענצטער צו דער וועלט
מיט דער צייטונג איז פאַרשטעלט.

* * *

איבערצייגנדוק ווערט שקר
מיט אַ ביסל אמת
אַ קלוגער ליגנער
קען דעם רמז.

---

טרערן אין די אויגן און זאָגט: "זאָל זיין גאָטס ווילן, דאָס איז אונדזער דאָליע".
יאַנואַר 1945 האָבן זיי אַלע דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה, די באַפרייונג פון טשענסטאָכאָוו. משה האָט אין ניו־יאָרק אויפגעשטעלט אַ נייע משפּחה און געשטיצט די פּוילישע רעטערס ווי לאַנג ער האָט געלעבט. און ניו יאָרק איז ער געווען אַ סוחר ווי אין טשענסטאָכאָוו. געהאַט אַ געשעפט אין בראָנזוויל אויף בעלמאָנט מיט סטאַקס און ריעל־עסטייט, מיט האָלד־אַפּס, משפּחה־זאָרג, געציטערט איבער ישראל. די פרוי האָט געקרענקט אויף פּאַראַנויע, ער האָט זיך געראַנגלט פאַרן ביסל לעבן נישט געקוקט אויף זיין רייכקייט און דאָך – נאָכן קאָנפליקט מיט גאָט האָט ער זיך צוריק געפונען. ער, זיין פרוי זענען ביידע געווען חורבן־קרבנות ביז דעם לעצטן טאָג פון זייער לעבן. די פריינד האָבן וועגן זיי געזאָגט – בחייהם ובמותם לעולם לא נפרדו.

עקיבא פישבין / ירושלים

# דער ניגון פון קינסטלער אָסיפּ צאַדקין

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז אין פּאַריז אַוועק פון דער וועלט דער יידישער סקולפּטאָר אָסיפּ צאַדקין, איינער פון יענע עוקרי הרים. וואָס האָבן געפורעמט די פּלאַסטישע קונסט פון 20־טן י.ה. און זי אַוועקגעשטעלט אויף די פיס. אין זיינע מאַכטיקע ווערק איז פאַרפּלאָכטן אַ ניגון - אַ ניגון אין די הויכע אָקטאַוועס. זיין ווערק דערלאַנגט "דעם דופק פון צעטרייסלטן לעבן, וואָס דאָס טראַגישע האָט דעם מענטשן גורם געווען". "דאָס וואָיענדיקע געוויין פון די חורבות" טוען אויסקלאָגן זיינע יצירות.

* * *

אָסיפּ צאַדקין איז געבוירן אין יאָר 1890 אין דער שטאָט סמאָלענסק; ער האָט זיך געכאָוועט אויך צוביסלעך אין וויטעבסק. אין זיינע זכרונות שרייבט צאַדקין, אַז זיין היים האָט געלעבט מיטן ריטעם פון אַ רוסיש לעבן. פון דעסטוועגן, באַמערקן די ביאָגראַפן און קריטיקער, אַז די צאַדקינישע קונסט איז אַ פּראָדוקט פון אַ מענטש, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער לופט פון אַ רעכטלער־באַגרענעצטן יחיד. די אַנגסטיק־דראַמאַטישע אַקצענטן אין צאַדקינס ווערק, די אייביקע אָבסעסיע פון איינזאַמקייט, די גאַנצע נאָסטאַלגיש־לירישע מעלאָדיע, וואָס פליסט דאָרט בשפע - דאָס אַלץ איז אַן עדות פון אַן אומרויקער יידישער נשמה.

צו צען יאָר האָבן די צייכענונגען פון קליינעם אָסיפּ באַקומען כאַראַקטער און מודיע געווען, אַז ער וואַקסט אַ קינסטלער. היות, ווי חשק צו די שקאָלעס האָט דאָס בחורל נישט אַרויסגעוויזן, האָבן טאַטע־מאַמע אים, צו 15 יאָר, אַוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד צו אַ פעטער, אַ סטאָליער, ער זאָל אים אויסלערנען דאָס פאַך.

דער פעטער האָט אים גענומען אין די הענט אַריין, און גלייך באַמערקט, אַז עפּעס האָט דאָס האָלץ־שניצן פון ייִנגל אַ באַזונדערן טעם. היות ער האָט פאַרשטאַנען, דער פעטער, אַז אין אָסיפן קלאַפּט אַן אָדער פון אַ קינסטלער, האָט ער אים פאַרשריבן אין אַן אָוונטשול פאַר קונסט. אָבער לאַנג האָט זיך אָסיפּ אין דער קונסט־שול נישט געכאָוועט; אים איז נישט געפאָלן דער אַקאַדעמישער נוסח, ער האָט שוין געהאַט שכל צו עפּעס אַנדערש.

הקיצור אָסיפּ איז אַ סטאָליער ביים פעטער נישט געוואָרן ער האָט אָבער געלערנט דעם חומר פון האָלץ, און פון פעטער באַקומען אַ שטויס צו ווערן אַ קינסטלער.

נאָך אַ שטיקל צייט איז אָסיפּ צאַדקין צוריק געקומען קיין סמאָלענסק און זיך גענומען צו יצירה. ער האָט אין וויטעבסק באַזוכט שאַגאַלן און נתפעל געוואָרן פון זיינע בילדער; אים האָט אַ ריס געטאָן דער שאַגאַלישער פּלאַסטישער אויסדרוק.

צאַדקינס ערשטע קינסטלערישע טויט אין האָלץ און שטיין ווערן באַלד אַוועקגעשטעלט דרייסט. עפּעס הערט מען שוין ביי אים אַ לעבעדיק וואָרט! אָט, נעמט זיין מאַסיוון "העראַישן קאָפּ" אין גראַניט (1908) וואָס שטייט אין צאַדקין־מוזיי אין פּאַריז, ער שמעקט מיטן אַרכאַישן סטיל און לאָזט הערן דראַמאַטישן קלאַנג. דעם בחור אַרט נישט די קנאַפּע אַנאַטאָמישע ערלעכקייט פון "קאָפּ"; זיין כוונה איז, דער "העראָישער" אויסדרוק זאָל אַ קלינג טאָן אין זיין ווערק.

מען קאָן ווויל זאָגן, אַז די ערשטע טריט פון יונגן צאַדקין זענען מבשר, אַז ער שניידט זיך אויף אַ שאַפער פון דרייסטע, קנאַפּ קאָנווענציאָנעלע פאָרמען, אַ שאַפער

פון ווערק מיט אַ שווונג פון הויכער עמאָציאָנעלער טעמפּעראַטור.

צו 19 יאָר האָט אָסיפּ צאַדקין באַשלאָסן - ער פאַרלאָזט דעם חושכדיקן תהום-המושב, און ער פאָרט קיין פּאַריז, ווייל "נאָר אין פּאַריז האָט געשיינט די זון פון קונסט" - האָט געזאָגט מאַרק שאַגאַל. דאָס פריינדלעכע פּאַריז האָט צאַדקינען צוגעטוליעט און געמאַכט פון אים אַ קינסטלער, וואָס וועט שנעל דערלאַנגען לשון און מרעיש עולם זיין.

צאַדקין האָט זיך פאַרשריבן אין אַ פּריוואַטער אַקאַדעמיע און גענומען קנעלן תורת קונסט. איז אָבער די מעשה, אַז נאָך זעקס חדשים איז אים די אַקאַדעמישע תורה נמאס געוואָרן. איז ער אַוועק פון דאָרט, און אַריין אינעם ברויזנדיק קעסל פון די "יונגע" אויפן מאָנפּאַרנאַס. ער איז געוואָרן איינער פון די יעניקע, וואָס האָבן, אין קלימאַט פון קרעאַטיווער פריהייט און דרייסטקייט, אויסגעקאָכט דאָס באַרימטע קונסט-קאַפּיטל "עקאָל דע פּאַרי" (פּאַריזער שול).

בימים ההם האָט פּאַריז, די פרייע מעטראָפּאָליע פון קונסט געלאָקט דאָס טאַלאַנטירטע יונגוואַרג פון דער וועלט. געקומען מארבע פינות- עולם, האָבן זיי שנעל געפונען אַ בשותפודתיקע שפראַך מיט די יונגע פראַנצויזישע פּאָעטן און קינסלטער. "טיש" געפירט ביי דעם אָ יונגען עולם האָט דער "רבי" גיאָם אַפּאָלינער, דער פּאָעט. האָט דער דאָזיקער געבענטשטער פאַרפלעכט פון אַ צעשויבערטן יונגוואַרג געמאַכט פון פּאַריז אַ קוזשניע, ווו עס האָבן זיך אויסגעהאַמערט נייע עסטעטישע באַגריפן, פרישע קינסטלערישע פאָרמען און פונק-נייע "איזמען". "אין פּאַריז איז זיך פאַרלאָפן, צו יענער צייט, די גרעסטע אָפּטישע רעוואָלוציע" - האָט דערקלערט אַ מאָל מאַרק שאַגאַל, דער עדות און מיטבויער פון דער "רעוואָלוציע". אגב, דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז יידן האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין "עקאָל דע פּאַרי".

"עקאָל דע פּאַרי" איז, אין דער אמתן, געווען אַ מין "כל הנערים". אונטערן טלית פון אַ באַזונדער אַטמאָספער האָבן זיך דאָרט אויסגעלידערט פאַרשידענע שטראָמען, ווי דער קוביזם און סירועאַליזם, עקספּרעסיאָניזם און אַבסטראַקציע. פאַרייניקט אָבער האָט די צעיאָכמערטע חברה אַ קעגנערשאַפט צו די חוקים ודינים פון סקלעראָטיזירטן אַקאַדעמיזם, דער רעוואָלט קעגן אַ פאַרהייליקטער טראַדיציע. אַלע האָבן זיי געזוכט נייע וועגן, נייע האָריזאָנטן, אַ ניי דימענסיעלע רעאַליטעט; אַ נייעם אופן פון שילדערן די וועלט.

אָסיפּ צאַדקין האָט מיטן שווונג פון זיין אָריגינעלער און דרייסט געפורעמטער יצירה בייגעשטייערט צו דער גלאָריע פון "עקאָל דע פּאַרי". ער איז פון די סאַמע פאַרביקע און קרעפּטיקע פיגורן פון "עקאָל דע פּאַרי". אָבער, לאָמיר דאָ עפּעס באַמערקן.

הגם צאַדקין פלעגט, ווי פון אַ שריפה, אַנטלויפן פון די פאַרגליווערטע קינסטלערישע געזעצן, האָט ער דעם קאָפּ דאָך געהאַלטן אויפן קאַרק - ער האָט גוט באַנומען דעם טעם און ווערט פון קינסטלערישער טראַדיציע. ער האָט מיט שכל פאַרשטאַנען - און אין יאָרן אַרום וועט ער דאָס לערנען זיינע שילער - אַז כדי באַנייונג אין דער קונסט זאָל האָבן אַ דויער, מוז מען לערנען פונעם נסיון פון די אַלטע מייסטערס. אלא וואָ'דען? אַ חסיד פון גרויסן פראַנצויזישן מייסטער ראָדען, האָט ער געהאַלטן פון זיין מימרא: "אַ צאַפּלדיקע קונסט רעפּראָדוצירט נישט דאָס פאַרגאַנגענע; טוט דאָס פאַרגאַנגענע ממשיך זיין און אַנטוויקלען".

ווען דער יונגער צאַדקין איז איבערגעטראָטן די שוועל פון פּאַריז האָבן די צוויי

"תנאים" פון באַנייונג - דער יונגער שפּאַניער פּיקאַסאָ און דער יונגער פראַנצויז בראַק - געהאַלטן ביים מיסד זיין די הלכה פון קוביזם. צאַדקין איז פון די ערשטע אַריינצובערענגען דעם קוביזם אין דער סקולפּטור. אָבער, נאָך אַ קורצן שאַפונגס־פּעריאָד נעמט אים די פאָרמאַליסטישע הלכה פון קוביזם קווענלען. עפּעס זעט ער, אַז דער "אַנאַליטישער קוביזם" פון בראַק און פּיקאַסאָ קירעוועט צו דער סכנה פון גלידערן פאַרזעעניש... ער זעט איין, אַז דער אימאַזש פון אָביעקט, און דער עיקר פון מענטש, ווערט אַ קרבן ביי דער אַ מוח־שיטה, וואָס אַנטלויפט פון עמאָציע. צאַדקין האָט נישט בדעה צו געשטאַלטיקן דעם מענטש, ווי אַ מאָנסטער. ער וויל דווקא אין אַ שפּראַך, וואָס שטויסט אָפּ אַקאַדעמיזם, אויסדריקן מיט געפיל און עמאָציע דעם דופק פון לעבן.

צאַדקין האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן אייגענעם וועג און געגומען אויסוויקלען אַ הומאַניסטישן נוסח. אין דער קונסט פון צאַדקינען אַן אויסגעהאַמערטע אין די נייע פאָרמען, נעמט שפּילן די ערשטע פידל דווקא דער אַלטער ליבער אָביעקט, און דער עיקר - דער מענטש; די כוונה פון צאַדקינישן אָביעקט איז אויסצודריקן אַ געדאַנק, עמאָציעס, ווי דאָס איז דער שטייגער אין דער פּלאַסטישער טראַדיציע.

אינטערעסאַנט זענען די נעמען, וועלכע דער קינסטלער דערלאַנגט זיינע שאַפונגען, אָט, עטלעכע: "אָרפעוס", "דער מוזיקאַלישער טריאָ", "די צעשטערטע שטאָט"; שוין דער נאָמען אַליין פון ווערק איז מגלה דעם סוד פון קינסטלערס כוונה. אָסיפּ צאַדקינס יצירה איז דורך־און־דורך הומאַניסטיש. אין אירע פּאַטעטישע פאָרמען צאַפּלט דאָס לעבן פון מענטש; און פאַרקנעטן אין זיי האָט דער קינסטלער זיין אחדות מיטן מענטשלעכן וויי. צאַדקין איז אַ פּאַסיאָנעלער אוהב המענטש. זיין שאַפונג איז אַ לירישע פּאָעמע פון ליבשאַפט, און אַ פייערדיקער רעוואָלט קעגן רשעות און רציחה בין אדם לחברו.

ריימאָן קאָניאָ, דער פראַנצויזישער יודע דבר, זאָגט, אַז "די צאַדקין ווערק זענען אַ מאָמענט פון גראַציע און עקזאַלטאַציע. מיט גבורה און עמאָציע טוען זיי אויספּיבערן די אימה פון דער ליידנדיקער מענטשהייט. צאַדקינס יחידישער טאָן שטעלט אים אַוועק אויף אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ אין דער קונסט פון אונדזער יאָרהונדערט".

***

פאַראַן ביי צאַדקינען אַ מאָנומענטאַלער בראָנדז, טראָגט ער דעם פּיל־זאָגנדיקן נאָמען "אָרפעוס" (געשאַפן אין יאָר 1948). דער קינסטלער האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ דערהויבן פּאַטעטיש געשטאַלט. שוין בלויז דער דיאַגאָנאַלער אַוועקשטעל פון דער פיגור אַליין קירעוועט זי צו די עולמות עליונים. "אָרפעוס", דער מיטאָלאָגישער מוזיקער, איז ביי צאַדקינען אין אַ מצב פון התרוממות. די אַרכיטעקטור פון געשטאַלט, אויסגעגלידערט פון געאָמעטרישע פלאַכן, איז איין גרויס געזאַנג - כל עצמותיו תאמרנו! די לירע, אַ פאַרפלייסטע אין אָרפעוס גוף, טוט זינגען דער וועלט שירה! צעברומט האָט די לירעסטרונעס דעם מוזיקערס רעכטע האַנט, און מיט דער לינקער וויקלט ער אויס אַ זשעסט, כאילו ער וואָלט זאָגן - אָ מענטשו! באַנעם מיין געזאַנג!

אין תוך גענומען איז דאָס דאָזיקע פּאָעטישע געשטאַלט בפירוש דער אָפּשפּיגל פון בעל יצירה אַליין, דאָס איז ער דאָך, דער באַפליגלטער פּאָעט, וואָס זיין לירע איז פאַרפלייסט אין זיין נשמה. און פון דער נשמה זיינער וויכערט מיט פּאַטאָס זיין געזאַנג.

אויב נישט שטענדיק איז די שירה צאַדקינס אין דער זעלבער טאָנאַציע געהאַלטן, איז אָבער דער עמאָציאָנעלער גלי אין זיין געזאַנג שטענדיק דאָמינאַנט. אין הויכער עמאָציאָנעלער טעמפּעראַטור, אויסגעגליט איז דעם קינסטלערס ניגון פון איינזאַמקייט.

דעם צער פון איינזאַמקייט ניגונט אויס זיין פיגור "אַרלעקין" - דער לץ פון דער "קאָמעדיאַ־דעל־אַרטע"; ער, וואָס איז זשעדנע נאָך ליבע און גליק, געפינט אויף זיין לעבנסוועג נאָר עצבות און איזאָלאַציע.

פאַראַן ביי צאַדקינען עטלעכע "אַרלעקין"־שאַפונגען; כמשמע - אָפט האָט אין דעם אָ שאַפערישן מענטש געצאַפּלט די אַנגסט פון איינזאַמקייט, הגם ער איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. די אָבסעסיע פון איינזאַמקייט האָט אים, לפי קריטיקער, יומם ולילה געמאַטערט; זיי זעען אין דערין דעם סימן פון זיין יידישער נשמה.

דעם שאַרפסטן אויסהילך פון איינזאַמקייט, אַ סאָרט ממעמקים־געשריי, לאָזט הערן צאַדקין אינעם ווערק "די יללה פון אַרלעקין", געשאַפן אין גלות אַמעריקע (1944), וווּ אַהין ער איז אַנטלאָפן, קוים מיטן לעבן, כדי נישט צו ווערן דעפּאָרדירט פון די נאַציס. האָט אים טאַקע אַמעריקע געראַטעוועט פון דער שואה; פון זיין איינזאַמקייט אים ראַטעווען האָט אַמעריקע נישט באַוויזן.

צאַדקין דערציילט: "איך האָב אין מיין איינזאַמקייט (אין אַמעריקע) געריטשעט, ווי דער אַרלעקין, און מיך האָט קיינער נישט אויסגעהערט. איך נאָב מיין נויטגעשריי פאַרקריצט אין מיין סקולפּטור; און מיט איר קיין מאָל זיך נישט געוואָלט שיידן. זי איז דער שליסל וואָס עפנט די טיר פון מיין זכרון". ובכן - די "אַרלעקין"־שאַפונג פון מזמן גלות אַמעריקע איז אַן אויפפלאַם פון ווייטיק; דאָרט פייערט די מענטשלעכע דראַמע; ס'איז אויס מיטן פּאַיאַצישן אַנשטעל. דאָס איז אַ ממעמקים - געשריי פון אַ בשר ודם וואָס צאַנקט, וואָס גייט אויס פון איינזאַמקייט און גלייכגילט פון דער סביבה. אַזוי רעוועט אַ מענטש, ווען דאָס לעבן רינט אים אויס!

ביים פורעמען זיין דראַמאַטישן ממעמקים, זאָל אָסיפּ צאַדקין האָבן געטראַכט וועגן ביטערן גורל פון איינזאַמען עם ישראל בימים ההם ובזמן הזה? ס'איז נישט אויסגעשלאָסן. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, פאַרשפּיגלט די "יללה פון אַרלעקין" די דראַמע פון יידישן פאָלק בעת דער שואה. אין דעם דאָזיקן ווערק קלאַפּט "דער דופק פון צעטרייסלטן לעבן" (צאַדקינס אַ וואָרט) וואָס דער נאַצי האָט גורם געווען. און אַז צאַדקין טוט גלידערן "דאָס וויי־ענדיקע געוויין פון די חורבות" (צאַדקינס רייד), דעמאָלט פלאַקערט אויף זיין ווערק מיט צאָרן און רעוואָלט - אַ באַשולדיקונגס אקט קעגן דעם בעסטיאַלישן נאַצי האָמערט ער אויס.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף זיין באַרימטער יצירה "די צעשטערטע שטאָט", וואָס שטייט אין פּאַרק פון דער שטאָט ראָטערדאַם. ווי באַקאַנט, האָט די דייטשישע אַרמיי, אין יאָר 1940, שוידערלעך באָמבאַרדירט דעם האָלענדישן כרך ראָטערדאַם - געמאַכט פון דער שטאָט אַ באַרג חורבות. צומאַרגנס נאָך דער באָמבאַרדירונג האָט האָלאַנד קאַפּיטולירט.

אין יאָר 1946 האָט צאַדקין באַזוכט האָלאַנד. אַריינקומענדיק אין דעם צעשטערטן ראָטערדאַם, דערציילט דער קינסטלער, האָבן אין אים אַ שלאָג געטאָן "די קולות פון רוינען". נבהל ונשתומם איז ער געוואָרן! און ער האָט אַ נדר געטאָן - די דאָזיקע "קולות פון רוינען", וואָס הילכן איצט אין זיינע אויערן מיט מאָנונג און אויפפאָדער, וועט ער אויספליישן אין אַ ווערק פון מאָנומענטאַלע פאָרמען, אַז אַ טרייסל זאָל עס טאָן מיט דער וועלט! ער וועט אין זיין ווערק אַריינקנעטן זיין שנאה צום באַרבאַר, זיין פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן רציחה פון וויסטן נאַציזם!

וכך הווא.

אין 1953 איז אַנטהילט געוואָרן אין פּאַרט פון ראָטערדאַם דער צאַדקין־מאָנומענט "די פאַרניכטעטע שטאָט" (5, 6 מעטער די גרייס) - אַ ווערק ממדרגה עליונה. דער דאָזיקער מאָנומענט, איינגעהילט אין אַ דראַמאַטישער אינטאָנאַציע, איז אַן אליאַרם פון פּראָטעסט און רעוואָלט.

לויט דעם קינסטלערס פאַרטראַכט איז אין דער "פאַרניכטעטער שטאָט" פאַרבליבן אַ מענטשלעכער שריד, ער זאָל פאַרלאַנגען חשבון פאַר דער רציחה. ובכן, איז ער דאָ איצט, דער נאַקעטער שריד, אַן אויפגעבראַכטער אין העפטיקער באַוועגונג, אויפן אויסגעבויטן הויכן פּיעדעסטאַל. זיין ברוסט איז צעריסן; ס'האַרץ - הוילע לעכער. זיין פּנים איז צעקרימט פון ווייטיק; אָבער שרעק און יאוש איז אין דער פיגור נישט פאַראַן. גאָר פאַרקערט - זיין קאָפּ האָט דער מענטשלעכער שריד פאַריסן צו די הימלען, און איז אָנגעשפּאַרט פעסט אויף די צעשטעלטע פיס, עלעהיי ווי צו אַ דועל, גרייט ער זיך צו פאַרלאַנגען - חשבון! אַן אויפטרייסלענדיק געשריי טראָגט זיך פון זיין אויפגעריסענעם מויל. ער דונערט מיט צאָרן, דער יתום פון ראָטערדאַם! זיינע מאַכטיקע אָרעמס מיט די פרעגנדיקע הענט הייבן זיך מיט אַ רוגזהדיקער שאלה צום הימל - ווי אַזוי האָט איר, הימלען, דערלאָזט צו אַזאַ פאַרברעך!!!

אָסיפּ צאַדקינס ווערק האָבן אַ גרויסע מעלה - זיי זענען ביז גאָר קאָמוניקאַטיוו; בליץ שנעל פאַרכאַפּן זיי דעם אויפמערק, און פאַרציען דעם צושויער אין געטומל פון לעבן. דער צוועק פון אונדזער חריפותדיקן בעל יצירה פון פאָרמען און טעכנישע המצאות איז איינצושטעלן אַן עמאָציאָנעלן קאָנטאַקט מיט מענטש, ער זאָל ביכולת זיין אויפצונעמען זיין אָנזאָג. אָט, שרייבט ער, דער קינסטלער: מיטן מאָנומענט זיינעם, געווידמעט ראָטערדאַם, האָט ער געוואָלט "אויסדריקן דעם וויי־און־ווינד פון מענטש אין דער פרידלעכער שטאָט, וואָס אכזריותדיקע תליונים האָבן צעשטערט. זאָל די דאָזיקע שאַפונג זיין אַ דערמאָנונג, און אַ פאַרגעדענק, פאַר דער צוקונפט - פאַר די מאָרגנס פון די ייִנגערע פון אונדז".

"די צעשטערטע שטאָט" פון אָסיפּ צאַדקין, דעם בונטאַר, וואָס איז מקיים דעם פּסוק - אל תפרש מן הציבור, האָט זיך דערהויבן צו אַ סימבאָל; גאַנץ געווי, ווי דאָס בילד "גערניקאַ" פון פּיקאַסאָ.ביידע געניאַלע ווערק טוען פאַרשפּיגלען די אייטערדיקע ווונדן פון אונדזער טרויעריקן יאָרהונדערט.

צאַדקין, דער בעל יצירה לדבר מצווה, וויכערט קעגן די ריטער פון דער "תקופה פון אויוונס", ער וועקט דאָס געוויסן פון דער וועלט, צאַדקינס הומאַניזם טובלט אין קוואַל פון ליבשאַפט צום מענטש בצלם אלוהים. איז, ווען זינגען נעמט ער אַ פּזמון צו די פרימאָרגנס פרייע, וואָס וועלן מוזן דאָך אַ מאָל אויפשיינען, דעמאָלט איז - אז ישיר! דעמאָלט שאַפן זיינע געבענטשטע הענט יצירות פון אַ דעהרויבענער ליריק; דאָרט וויברירט עפּעס אַ מאָדנע סובסטאַנץ; אַ סאָרט אַפּעטיט צום לעבן, אַ לויטער ליכט פון ליבע און צאַרטקייט.

אָט, נעמט זיין סקולפּטור בשם "דער פּאָעט", וואָס שטייט אין "לוקסעמבורג" - גאָרטן אין פּאַריז, אַ ווערק געווידמעט דעם פראַנצויזישן דיכטער פּאָל עלואַר, דעם ווידערשטענדלער קעגן די נאַציס, דעם מחבר פון פון דער באַרימטער פּאָעמע - "די פרייהייט".

ער שטייט, דער באַפליגלדיקער פּאָעט, אויף גאָטס ערד און זינגט לכל עם ועדה זיין דערהויבענע שירה פון האָפענונג. און כדי דער צושויער זאָל ווערן אַ מיטזינגער - אַ

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* יוסף גאָלדקאָרן: "נע־ונד איבער די שליאַכן פון רוסלאַנד". 240 ז.ז. זכרונות פון דעם מחברס איבערלעבונגען אין רוסלאַנד בעת דער מלחמה. הילע: משה בערנשטיין. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1998.
* "די צוקונפט" נומ. 1-2, אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1998. רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיע (מ. אָליצקי, אברהם ווילק, יאָסל מלאָטעק, יאָני פיין, חנן קיעל, רעד. סעקרעטאַר - הערשל גלעזער).
* "יידישע קולטור" נומ. 1-2. און 3-4, ניו־יאָרק 1998. רעדאַקטאָר איטשע גאָלדבערג.
* "לעבנס־פראַגן", סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור, נומ. 552/551 און 554/553, תל־אביב 1998. רעדאַקטאָר יצחק לודען.
* "אונדזער צייט" נומ. 4/3 און 6/5. ניו־יאָרק 1998.
* "אויפן שוועל" נומ. 309. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק 1998. רעדאַקטאָר ד"ר מרדכי שעכטער.
* "די פען", נומ. 34, אָקספאָרד 1998. רעדאַקטאָר גענאַדי עסטרייך.
* "דוד האָפשטיין פרייז" (צוועלפטע פאַרטיילונג) יוני 1998. בראָשור מיט אַן אַריינפיר פון איטשע גאָלדבערג און לידער פון דוד האָפשטיין. דעם פרייז האָבן באַקומען: אלכסנדר בעלאָוסאָוו און יששכר פאַטער.
* "יידישע העפטן", דערשיינט איין מאָל אַ חודש. פאַריז 1998.
* "באר שבע שטימע" נומ. 29. באר שבע 1998.
* "יידיש־וועלט", אינפאָרמאַציע־בולעטין פון וועלטראַט פאַר יידישער קולטור נומ. 5, פרילינג תשנ"ח 1998.

---

שותף צום טרוים פון די ביידע פּאָעטן - עלואַר און צאַדקין -האָט דער סקולפּטאָר, אויפן קערפּער פון אויסגעגלידערטן דיכטער, אויסגעקריצט די "פרייהייט"־פּאָעמע. דער אָ מאָנומענטאַלער בראָנדז האָט די לייכטקייט פון אַ פויגל־געזאַנג; און אַ טעם חנעווודיקן האָט ער פון אַ לויטער־ניגונדיקער פּאָעמע.

***

אָסיפ צאַדקין פלעגט לערנען זיינע תלמידים, אַז "אַ סקולפּטור איז אַ געדאַנק אין שטיין, האָלץ און בראָנדז; אירע פאָרמען און ליניעס פאַרמאָגן די האַרמאָנישע מיסטעריע און כוח צו קאָנען ווירקן אויפן צושויער, אין דעם שטעקט איר איינציקע און העכסטע שיינקייט. ובכן, דאַרף דער קינסטלער אַריינדרינגען אינעם גייסט פון מאָדעל, אויפכאַפּן זיין אינטימען אויסדרוק, ווייל אַזוי דערגרייכט מען צו שאַפן עפּעס, וואָס צאַפּלט מיט לעבן. דער אָביעקט מוז זיין דורכגענומען מיט עמאָציע, מחמת אָן ליבשאַפט און פּאָעזיע איז די שאַפונג אַ פּרעטענסיאָנעלער נול".

אָסיפ צאַדקינס קונסט איז אַ וועלט פון ליכט, אַ שירה פון ליבשאַפט און פּאָעזיע. אַ קריטיקער האָט געפסקנט, אַז "די צאַדקין־יצירה איז אַ ווידוי פון אַ פּאָעט פון אונדזער צייט, ביכולת אויפצוּוועקן דאָס געזאַנג פון חומר, און שאַפן אין האָלץ, שטיין און אין בראָנדז פּאָעמעס פון אַן אוניווערסאַלן אויסמעסט".

# כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## פרילינג - זומער 1998

* מוצאי שבת, 21־טן מערץ. לעקציע פון סטענלי בונין א.ד.ט. מיכל געלבאַרד, איינער פון די זעלטענע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. אינטערפּראַטאַציע פון מוזיק און לידער - מלכה שאָ.

* מוצאי שבת, 28־טן מערץ. לעקציע פון לילקע מייזנער געווידמעט דעם אָנדענק פון זוסמאַן סעגאַלאָוויטש. מוזיקאַלישער פּראָגראַם אויסגעפירט דורך ריסאַ איגעלפעלד.

* מוצאי שבת, 4־טן אַפּריל. קאָנצערט־אָוונט: "קאָלומבוסעס מדינה", אויסגעפירט דורך דעם פאָלקס־זינגער מאַרק לוי.

* זונטיק דעם 19־טן אַפּריל איז פאָרגעקומען דער יערלעכער יזכור אין כבוד פון די זעקס מיליאָן קדושים, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס האָבן זיך באַטייליקט די אָרגאַניזאַציעס: יידישער קולטור־קלוב; אַרבעטער־רינג; "יידישקייט"; געז, פאַר הומאַניסטישער יידישקייט; יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט; עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלוב; אַמעריקאַנער פריינד פון מר"צ/השומר הצעיר. דער פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן אין יידיש און ענגליש. די נאַראַציע איז צוגעגרייט געוואָרן דורך הערשל האַרטמאַן. מדריך פון דער "שלום"־אָרגאַניזאַציע אין ל.א. עס האָבן גערעדט לילקע מייזנער, עריק גאָרדאָן און פּראָפ. הערשל סלוצקי. געטאָ־לידער האָט געזונגען דער אַרבעטער־רינג כאָר אונטער דער אָנפירונג פון מלכה שאָ, און רעציטירט האָבן יעקב לעווין, מיקי סאַפּאַדי, רחל שטיינמאַן, מרים קאַראַל און קינדער פון דער "שלום"־שול.

* מוצאי שבת, 25־טן אַפּריל האָבן מיר אָפּגעמערקט 50 יאָר מדינת ישראל. לעקטאָר - ד"ר משה וואָלף; מוזיקאַלישער טייל אויסגעפירט דורך דעם פידלער סעם קאָנוויזער.

* מוצאי שבת, 20־טן מאַי. לעקציע פון גאָלדי קאַהן: "דער שאַפונגס־וועג פונעם באַוווסטן יידישן שרייבער י.י. זינגער". נאָך דער לעקציע איז געווען אַ דיסקוסיע.

* מוצאי שבת, 16־טן מאַי. יעקב באַסנער וועגן פרויען־געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - סימע בערמאַן.

* מוצאי שבת, 6־טן יוני. אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פונעם נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעם באַוווסטן פאָעט בינם העלער. עס האָט גערעדט דער דיכטער משה שקליאַר, יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט פון בינם העלערס שאַפונגען.

* מוצאי שבת, 20־טן יוני. לעקציע פון פּראָפ. פּאָול בול: יידיש, דער געהיימער שליסל צו דער אַמעריקאַנער פּאָפּולערער קולטור. נאָך דער לעקציע איז געווען אַ דיסקוסיע.

* מוצאי שבת, 27־טן יוני. שלוס־אָוונט פון סעזאָן: סעקאָנד עוועניו קלעזמער־קאָנצערט.

**נתן שטיינמאַן**

# אונדזערע אבידות

## שרה לײַנער ע"ה

מיר געזעגענען אַ מערקווירדיקן מענטש - אַ פֿרוי, אַ מאַמע, אַ באָבע און עלטער-באָבע דערצו נאָך אַ שרײַבערין; אַן אויסטײַטשערין פֿון ייִדישע טראַציעס; אַ לעקטאָרין און אַן אײַגנאַרטיקע קעמפֿערין פֿאַר דער באַרעכטיקטער ראָלע פֿון דער פֿרוי אין דער ייִדישער געשיכטע און געדעלשאַפֿט. שרה איז געווען די שוועסטער פֿון דעם באַקאַנטן רב ראַפֿאַלין פֿון מעקסיקע און די פֿרוי פֿון אונדזער טײַערן פֿרײַנד שמחה, זי איז געווען אַ גוטער, איידעלער און באַשיידענער מענטש.

און חוץ דעם אַלעמען איז שרה לײַנער געווען אַן אוניקום אין אונדזער ייִדיש-געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זי האָט אין אירע שריפֿטן פֿאַראייניקט אונדזער אַלטע ייִדישע חכמה, פֿילאָסאָפֿיע מיט דעם מאָדערניזם און געשאַפֿן אַן אײַגנאַרטיקן סינטעז. ווען זי האָט, למשל, געשריבן וועגן משה רבינו האָט זי נישט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען פֿרוידס צוגאַנג צו גאָט און געטלעכקייט. אונדזערע היסטאָרישע ייִדישע פֿרויען-געשטאַלטן זענען בײַ שרהן געווען אַ קוואַל און מאָדעל פֿאַר דער ראָלע פֿון דער ייִדישער פֿרוי ווי אַ מאַמע און דערציערין. דאָס געשריבענע וואָרט איז בײַ איר געווען ווי אַ הייליקייט, וואָס זי האָט געצערטלט מיט וואַרעמקייט, ליבשאַפֿט און פֿאַרשטאַנד. ייִדיש לשון איז בײַ איר געווען אַ באַשטאַנד-טייל פֿון איר אינטעלעקטועלן לעבן. זי דריקט זיך אויס אין איינעם פֿון אירע אַרטיקלען: "ייִדיש איז געווען מײַן מאַמעס לשון און מײַן טאַטנס לשון, און ליב האָב איך עס פּונקט ווי העברעיש. בײדע שפּראַכן זענען גלײַכע שותפֿים, אַרײַנגעוועבט איינס אין אַנדערן".

שטייען מיר הײַנט בײַ דײַן אָרון, שרה, און געזעגענען זיך מיט דיר, דעם מענטש, וואָס האָט אַזוי פֿיל וואַרעמקייט, ליבע און גוטסקייט געגעבן צום מיטמענטש. דו ביסט צוזאַמען מיט דײַן שמחהן אין אונדזער ייִדישן קולטור-קלוב און אינעם זשורנאַל "חשבון" געווען צווישן די מיטזאָרגער, אַז אונדזערע ייִדישע קולטור-ווערטן זאָלן ווי געהעריק אויפֿגעהיט ווערן.

ווילן מיר דיך געזעגענען מיט די ווערטער פֿון אַ קורץ ליד, געשריבן פֿון אונדזער פּאָעט, וועלכן דו האָסט אַזוי ליב געהאַט - משה שקליאַר: "נאָך אַ נאָמען אויסגעמעקט / אין נאָטיצביכל דעם קליינעם / נאָך אַ נאָמען / נאָך אַ נאָמען / און נאָך איינעם... / שוין נישטאָ באַלד / ווער צו פֿאַרמעקן. / יעדער פֿעדערשטריך / איז ווי אַ רידל ערד / אויף צום פֿאַרדעקן / אַן אויסגעלאָשן לעבן. / נאָר בײַ מיר פֿאַראַן איז / נאָך איין ביכל / דאָס האַרץ פֿון מײַן זכרון / און דאָרט פֿאַרבלײַבן / אַלע נעמען / אַלע לעבנס / אויף אַלע מײַנע יאָרן."

שרה לײַנער, דו ביסט פֿאַרגאַנגען... געווען, און נישטאָ... נאָר מיר וועלן דיך געדענקען אויף אַלע יאָרן.

## סטענלי בונין ע"ה

אַזוי פּלוצלינג איז פֿון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן דער שפּרודלדיקער, פֿול מיט לעבן און וויטאַליטעט - סטענלי בונין. אָט האָבן מיר מיט אים גערעדט, געמאַכט פּלענער אויף דעם נײַעם סעזאָן פֿון ייִדישער קולטור-אַרבעט - און מיט אַ מאָל איבערגעריסן דער פֿאָדים.

סטענלי האָט אין זיך איינגעזאַפּט די זאַפטן פון יידישער קולטור, שפּראַך, ליטעראַטור און מוזיק מיט דער "מאַמעס מילך" - אין דער שטוב, ווו דער טאַטע האָט געשריבן יידישע פּאָעזיע, ווו די היים האָט געגעבן וואַרעמקייט צו די יידישע שאַפער דאָ אין ל.א. סטענלי איז אויסגעוואַקסן אין דער מאָדערנער יידיש-סעקולערער סביבה, וועלכע האָט זיך באַמיט איבערגעבן די קינדער די פרישע, מאָדערנע יידישע קולטור - און אין דער זעלבער צייט, באַקענען זיי מיט די היסטאָרישע וואָרצלען פון פאָלק.

מיט וואָס פאַרא ליבע אין דאַנקבאַרקייט האָט סטענלי גערעדט וועגן זיין טאַטן, מאַמען, וועגן דער שטוב, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. ער איז געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים צו זיין פאַרגאַנגענהייט און יוגנט. ער האָט געווידמעט זיין פרייע צייט צו לערנען יינגערע דורות וועגן דער שיינקייט פון יידישער פאָלקס-מוזיק, וועגן דער געשכיעט פון כאָרן, וועגן שאַפונגס-וועג פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. ער פלעגט צוגרייטן זיינע לעקציעס מיט זאָרג און פאַרשטענדעניש. און אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבע צו זיינע געוועזענע יידיש-לערער, און ספּעציעל צו ריווע זאַלאַטאַראָוו. זיין ענטוזיאַזם און ענערגיע האָט אָנגעשטעקט דעם אַרום. סטענלי, צוזאַמען מיט זיין באַליבטער פרוי, פראַנסיס, האָבן אין זייער נייער היים "לעיזשור וואָרלד" - איבערגעטראָגן דעם אימפעט און איניציאַטיוו און געשאַפן די אַטמאָספער פאַר יידישער טעטיקייט אויף ענגליש, און באַקענט אַט דעם ווינקל מיט יידישע קולטור-ווערטן.

איז ער פּילוצלונג אַוועק - איבערגעלאָזט אַן אומעט, טרויער אין אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט.

צו דער גאַנצער פאַמיליע, אונדזערע אויסדרוקן פון ווייטיק. לאָמיר אים געדענקען און ווייטער אָנגיין מיט דער יידישער קולטור-אַרבעט, וועלכע איז אים געווען אַזוי טייער.

ל.מ.

---

מיר טרויערן צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קולטור-וועלט אויפן טויט פון די צוויי אָנגעזעענע יידישע שרייבער

**מרדכי שטריגלער**

און

**בינם העלער**

וועלכע זענען אַוועק אין דער אייביקייט היינטיקס יאָר.

די רעדאַקציע

---

מיר דריקן אויס טיפן מיטגעפיל אונדזער פריינד, דעם שרייבער צבי אייזנמאַן צוליב דעם טויט פון זיין באַליבטער פרוי

**יהודיתקע**

לילקע מייזנער, יעקב לעווין
און משה שקליאַר

# Oscar Dubin Remembered

## מיר געדענקען
## אשר דובין

It has been forty years since Oscar Dubin died. In August 1958, his love for Israel culminated in his first and only trip to Eretz Israel, to participate in a workshop for Jewish educators. On his way back to the United States, his plane crashed into Galway Bay, Ireland, with no survivors.

We, his children, grandchildren and great grandchildren, wish to commemorate this anniversary by recalling his dedicated activities as a prominent member of the Jewish community in Los Angeles.

Oscar Dubin is remembered as an educator, a lecturer and a translator of important literary works from Yiddish into English. His last position was Principal of the institute of Jewish Education of Los Angeles.

He was also Executive Director of the Farband Labor Zionist Organization. Chaver Dubin remains in the hearts and minds of his family and his many friends and students.

צום צוואַנציקסטן יאָרצייט

פון אונדזער מאַן, פאָטער, זיידע און עלטער זיידע

**משה וועלטמאַן**

דערמאָנען מיר אים מיט ליבע און בענקשאַפט.

**פראַניע וועלטמאַן**

**ד"ר גרשון און טאָווע וועלטמאַן / לאָס אַנדזשעלעס**

**עטל וועלטמאַן,** Eugene, Oregon

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער גוטן פריינד

**דוד לובין**

**צו זיין 90־יאָריקן געבוירנטאָג און ווינטשן אים נאָך אַ סך גוטע,**

**געזונטע יאָרן, אַ סך נחת פון זיין משפחה.**

**מיט פריינדשאַפט**

**שלום קרישטאַל,**

**נעכע שלאָסער**

די וואַרעמסטע ווונטשן אונדזער גוטן פריינד און ליבן מענטש

**דוד לובין**

**צו זיין פייערן דעם 90־טן געבוירנטאָג. זאָל אייער לעבנס־גאַנג זיין אויסגעפילט**
**מיט געזונטע, פרוכטבאַרע יאָרן.**

**לילקע, שלמה מייזנער,**
**שיפרה טייטלבוים.**
**נתן שטיינמאַן.**
**ל.א. קאַליפ.**

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג
שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join now!

**ARBETER RING/**
**THE WORKMEN'S CIRCLE**
1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007



# לאָס אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב
*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**
**תחל שנה וברכותיה**



יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

אירענע אייקין - סעק.


מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק די לייענער און פריינד פון "חשבון" פאַר זייער ביישטייער צו די ראש השנה באַגריסונגען.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד,
יידיש־צווייג

**בערנאַרד ווייסבערג, פרעז.**

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער,
אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט
געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די
קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

---

**לייגער, שמחה**
**און משפחה**

---

**הירש, צבי און טאָני –**
צו משפחה, פריינד און מיטגלידער
שנת ברכה והצלחה

---

**קאַפּלאַן, רחל און דוד**

---

בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר,
שלום אין ישראל און און דער וועלט!

**סילבער, אַדעל און אייזיק**

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

בלושטיין, שרה און נחום
גאָרפיין, מאָניע
דזשערוס, גרשון
הענדעל שלמה, מר. און מרס.
ווייס, עדנאַ
וואַנאַמייקער משפחה
זעלמאַן, קובאַ
טשעסנין, ראָזי און פימאַ
לובין, דוד און משפחה
לעווין, ען און דזשעק
לעווין, רעגינאַ און יעקב
לעווענטאַל, בעבע און לי
מייזנער, לילקע און שלמה
סאָסקי, העלען און יוסף
סטעמפל, טינאַ
סלוצקי, רחל און מענדל
סלוצקי, אברהם און עוגעניאַ
סמיט, קאהן טייבל
פאָנטיין, דזשין
פאַרעל, ראָזאַ און היימאַן
ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

*לכבוד תשנ"ט מזל און ברכה,*
*געזונט און הצלחה, ווינטשט אייך*
*גאָר האַרציק די פישמאַן משפחה*
ד"ר פישמאַן, שיקל, געלע און משפחה
פעלנער, פייגע און משה
מאָראָקאָ
פערעלסאָן רחל
קאַרפ־לעפקאָוויטש, סימאַ
רייך, פיליפ
שאַפּיראָ, ריי און מאַרטין
שאַרף, עלסי און לאָורי
שוואַרץ, רעניי
אין אָנדענק פון שלמה שוואַרץ, *שיקאַגאָ*
שלאָסער, נעכאַ
ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ, *פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן*
שייפער, דאָראָ און יעקב
שטיינגאַרט, צירל און הענרי

---

אַלפער, מאַקס
באַט, שמואל, *וועסט האָליווּד ייד. קולט. קלוב*
בורמאַן, געניע און אַלבאַ ווילי
דעי, סילוויאַ און נייטן
ד"ר האַדאַ, דזשאַנעט
הענלי, מאַשאַ
הערבסט, מרים און הערשל
ליפשיץ, אסתר

מאָריסאָן, מאיר
אין אָנדענק פון מיין פעטער ישראעל גובקין
פערטשוק, טערעסאַ
פרידמאַן, חיה
אין אָנדענק פון מיין מאַן גרשון קריסטאַל, שלום
צוקערמאַן, מאַרווין און קאַטרינאַ

---

באַכראַך, מרים
באַסנער, דאָראָ און יעקב
גאָלד, מילדערד
הערבסט, גרשון
מאַלעוויטש, זעלדע און פסח
מאַרטעל, מאַקס
ניומאַן, דאַניעל

סאַפּאַדי, מיקי
פלאַם, גילאַ
שאָ, מלכה און מעני
שווייצער, לאה
שלאָסמאַן, לינעט
שטיינמאַן, נתן
שקליאַר, משה און דבורה